STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06368

MAYN LAND MAYN LIDERSHE

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

מיין לאַנד מיין לידערשע

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך קאָמיטעט און
מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס
מאָנטרעאל — 1958

MINE LAND
MINE LIEDERSHE

By N. J. GOTLIB

1 9 5 8

Printed by
THE EAGLE PUBLISHING CO., LTD.
4075 St. Lawrence Boulevard
Montreal, Canada

קינדישער באַגיז

אַריינפיר

גייט אויף, איר, יאָרן ווײגלדיקע, ווייטע,
שיין אויף, דו, פריער, קינדישער באַגין —
ווען שוועסטער מיינע האָט געפירט מיך הייטע
אין פרילינג־דרויסן — יונג אַזוי צעגרינט.

צעהעל זיך, היים, אין זעל און אין זכרון
מיט זון ביי־טאָג, מיט שטערן אײנדערנאַכט —
ווען מיט איר בליק איר וואַרעמען, איר קלאָרן
האָט איבער מיר די מאַמע טריי געוואַכט.

קומט אָן, באַווייזט זיך, טעג אַמאָליק־פרומע,
מיט פּאָטערס ווייכע תהילים־לשע געזשומען,
מיט ברידערס דאַוונען יעדן אינדערפרי.

אַצינד, ביים ענד פון אַלע מיינע וועגן,
אויף גרינגע פליגל קומט אויפסניי צושוועבן,
איר, טעג און יאָרן פון מיין בלויסטן בלי.

אלף־בית

אין פענצטער זעט מען פליסן די ווילִיע,
באַזוימט מיט זאַמדן פון סלאָבאָדקער ברעג —
אין זומערדיקע זויבער־בלויע פריען,
אין אָסיענדיקע טונקל־טריבע טעג.

אין ווינטער פאַלן פונעם הימל שנייען,
אַ שוואַרצע קראָ פליט אום אין ווייסן פראָסט;
אין פרילינג הערט מען ווי די קריעס גייען
אויף ניעמאַן־פלאַך — אין רווישיקן צעגאָס.

דער דרויסן רייצט מיט אַלערלייע וונדער:
מיט ווינט־געפייף, מיט פייגעלעך — צעזונגען,
מיט הייזער, מענטשן — באַלד אהינטער מיר — —

נאָר שוין צו דריי באַזעצט האָט מיך דער פאָטער
ביים טיש, לעם זיך, און אָנגעהויבן האָט ער
דעם אלף־בית, אַן אות נאָך אות, מיט מיר.

„זשיד"

געווען איז מיר פיר, צי אפשר, פינף,
ווען מיט אַ ברודער האָב געשפּאַנט אין שטיבל.
אַ שבת־פּרי. די קראָמען — צוגעריגלט.
און גאַס נאָך גאַס — אין שלווה איינגעשפּינט.

נאָר פון אַ טרינקהויז טראָגט זיך אַ געוואַלד,
געמישט מיט האַרבע ביר־און בראָנפן־ריחות;
ביים קינד ביים יידיש אינעם בליק אין וויכן
צעהוידעט זיך אַ פּחד פון אַ וואַלד.

און ווי מיר שפּאַנען, עפנט ווער די טיר אויף,
באַפאַלט אונז ביידן מיט אַ שיכור־טירוף,
מיט „זשיד" אויף ליפּ און גיר נאָך בלוט אין הענט — — —

איך בין שוין צום שטיבל ניט דערגאַנגען —
צוריק אַהיים, צעשלאָגן, קוים דערגאַנגען — —
און טיף אין מיר האָט לאַנג מיט „זשיד" געברענט — — — —

די שכינה

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ ווינטערדיקע נאַכט.
אַ היפּשע צייט שוין בין געלעגן וואַך.
געזען: דער טאַטע זיצט אויף דער פּאָדלאָגע
און ביי אַ ליכטל האַלט ער אין איין זאָגן.

זיין קאָפּ, זיין גוף — זיי וויגן זיך אַרום,
און אויף די ווענט זיך וויגן שאָטנס אום;
די שטים זיינע אין אַ געוויין גייט איבער,
און מיט געוויין ווערט פול דאָס גאַנצע שטיבל.

איך ליג פּאַרטייעט, קוק מיט גאַף אין אויג,
שפּיר נאָך דעם טאַטנס יעדן ריר און בויג,
און איבער אים, אין חלל — זע די שכינה:

ווי ער, זי טרויערט אויפן גלות — לאַנג,
ווי ער, זי אָבלט אויפן וויסטן לאַנד,
און טרערן — היים — פון אירע וויעס רינען — — — —

אַ שׂרפה

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ נאַכט אין טיפן אָסיען.
געשלאָפן בין צוזאַמען מיט אַ ברודער.
איז אינדערהיים געוואָרן אַ גערודער:
אַ רויטע שיין די פענצטער האָט פאַרגאָסן.

אַ הויז עס ברענט אין הויפ‚וו מיר וווינען.
דער הימל — צונטער, ווי בעת אַ שקיעה.
פאַרביי די שויבן שאַרעס פונקען פליען.
צעטשוכעטע, מיר בליקן און — מיר שטוינען.

נאָר מאַמע טרייבט אונז: גיכער טוט זיך אָנעט.
און שוועסטערס פנים פיבערט מיט סכנה.
און טאַטע, ברידער פאַקן איילך זאַכן — —

מיר זענען שוין אין ליכטיקן אינדרויסן.
מיט וואַסער־שטראָמען פייערלעשער רוישן.
נאָר ווענט עס פאַלן, דאַך און סטעליע קראַכן — — —

ערשטע עברה

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ פריייטיק אויפדערנאַכט.
די אייגענע — אַוועק צו אַ בן־זכר.
די שוועסטער נאָר געבליבן: האַלטן וואַך.
און איך — אַ פינעף יאָרעדיקער בחור.

אין שטוב איז זוויבער. אויפן טיש די ליכט —
אַ הייליקייט אויף אַלץ אַרום זיי גיסן.
די שוועסטער זיצט און לעזט אַ בוך, און איך
זיך שפּיל אַרומעט מיט אַ קליינעם קישן.

איך דריק עס צו צום פּנים און צום גוף,
און, ווי אַ פילקע, וואַרף עס אינדערלופט,
און — פּלוצים טרעפט עס אין די ליכט, וואָס ברענען — — —

די שוועסטער — בלייך — מיין האַרבע זינד באַטראַכט:
אַ ליכט פאַרלאָשן — פריייטיק אויפדערנאַכט — — —
און איך, פאַרצאַפּלט, זע זיך אין גיהנום — — — —

טויט

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ ווינטערדיקער טאָג,
דער טאַטע מײַנער גייט ניט אין ישיבה;
מיט קאָפּ — געבויגן, מיט אַ בליק — פֿאַרזאָגט,
נאָך זיין פֿאַרשטאָרבן פֿאָטער זיצט ער שבעה.

די גאָרע שטוב אין טרויער איז געהילט,
אַ יתומקייט עס ווייט פֿון יעדן ווינקל;
מיט מאַמע, שוועסטער, ברידער זיץ איך שטיל,
פֿאַרגעס אין עסן, קלער ניט פֿון קיין טרינקען.

איך זיץ און טראַכט פֿון זיידן, וואָס „אַוועק״:
געווען אַ זיידע און — האָט זיך געעקט
(און טויט זיינער האָט אונזער הויז פֿאַראָבלט).

איך זיץ און טראַכט פֿון זיידן און פֿון טויט.
ביז טאָג פֿאַרגייט. אין פֿענצטער זיך צעבלויט
אַ ווינטערדיקער אויסגעשנייטער אָוונט.

משיח

אין טעג אין יענע איז דער טאַטע מיינער
נאָך מערער פרום און אָפּגעשיידט געוואָרן:
ביי־טאָג, ביינאַכט — מיט גאָט זיך אויסגעטענהט,
געפּאַסט הפסקות דורך דער וואָך דער גאָרער.

און אויך אונז, קינדער, צורעדן געלומען
צו לערנען מער, צו תפילה־טאָן געשמאַקער:
עס וועט משיח אין אַ צייט נאָר קומען
פון כולו חייב, אָדער כולו זכאי . . .

און כ׳האָב געוואוסט שוין, ווער משיח איז:
אין רוים ער זיצט . . . מיט קייטן אויף די פיס . . .
ביים טויער דאָרט . . . אין וונדן און אין אייטער . . .

און כ׳האָב געמיט זיך זיין וואָס מערער פרום,
ביינאַנד מיט טאַטן תהילים אַלץ געזשומעט,
ביינאַנד מיט אים דערוואַרט משיחס צייטן.

צום ערשטן מנין

אַ נפֿשל פֿון פֿינעף, צי פֿון זעקס —
האָט אין פֿאַרטאָג דער פֿאָטער מיך געוועקט:
אַ פּרשה חומש אָפּלערנען מיט אים.
און ס׳הילכט מיין קול — אַ גלעקל אין באַגין.

דערנאָך אינדרויסן שפּאַנען מיר ביינאַנד.
מיין הענטל — דין — אין טאַטנס ברייטער האַנט.
די שטאָט, זי רוט נאָך; וווּ־ניט־ווו — אַ מענטש.
מיט ראָזער זריחה בליען דעכער, ווענט.

און אָטאָ וואַרט שוין די קצבים־שול,
מיט ערשטע שטראַלן איז זי גאָלדיק־פֿול,
און — ערשטן מנין: יידן אין טליתים.

אַ קלייניניקער, אין זוניקן קאַיאָר,
מיט אַלע גרויסע זאָג איך וואָרט־אין־וואָרט
און — שאָקל זיך אַלץ פֿאַרכטיקער, אַלץ הייסער.

ספרים

אין הויז ביי אונז, ביי איינער פון די ווענט,
אַ פּאָליצע מיט ספרים איז געשטאַנען;
דער טאַטע מיינער האָט זיי גוט געקענט,
אויך איך האָב שוין אַ צאָל פון זיי פאַרשטאַנען:

תנ״ך, משניות — — נאָר באַזונדער נאָנט
געווען זענען איינציקע — דין־קליינע;
אָ־די האָב איך שוין דורך־און־דורך געקאָנט:
אַ שבחי בעש״ט — מיט מעשיות הארציק־שיינע;

פון זיבן בעטלער אַ געשיכטע — שיין;
און אַנדערע, אין עברי־טייטש — דין־קליין,
נאָר מיט חלומות ליכטיקע באַפליגלט — —

אין אָוונטן, פון לאַנגן לערנען פריי,
איך פלעג צו זיי זיך נעמען אויפדראָסניי —
מיט זייער וונדער ווידער זיך פאַרוויגן — — —

שפּילערייען, לעגענדעס

אַ זיבניאָריקס, האָב איך שוין געשווומען
אין „ים" פון תלמוד — רחבותדיק און טיף;
נאָר ס'האָט געצויגן צו אַ שפּיל, אַ שטיף
מיט נאָך, ווי איך, — פון היימישע אָרומען.

אין אונזער הויפל וויפל ווינקלען — רייציק —
געצונדן האָבן יינגלם נייגער, טרוים;
איך „פּאָר" אַרום דאָ מיט אַ חבר שוין.
ער איז מיין „פערד". איך האַלט אים ביי די „לייצעס".

און שפּיל אין קנעפּ — אין שעהן, פריי פון חדר.
און אין פאַרנאַכטן, אין אַ קינדער־עדה,
דערציילן מעשיות, אויסהערן לעגענדעס:

פון מתים, שדים, רויבער, מכשפות,
פון גוטע יידן — גרויסע בעלי־מופת,
פון ל"ו, וואָס וואַגלען איבער לענדער — — —

בײם ניעמאַן

אַ זומער־אָוונט. אין אַ לײכטן אָנטאָן
דער טאַטע זיצט און לערנט װאָס אין הױז;
און איך און מאַמע לאָזן זיך אַרױס
אױף אַ שפּאַציר צום ניעמאַן צו דעם נאָנטן.

און אָט איז שױן דער „נאַבּערעזש" דער הױכער.
מיר זעצן צו זיך אױף אַ זײטיק באַנק.
דער ניעמאַן אונטן, סודותדיק ער גלאַנצט.
אױף צװײטן ברעג פֿאַרטרױמטע בּערג זיך הױכן.

דער הימל איז דאָ בּרײט אַזױ און טיף,
פֿון ענד בּיז ענד מיט שטערן אָנגעטריפֿט
(און יעדער שטערן איז אין טײך פֿאַרקערנט).

איך זיץ דאָ אָפּ אַ שעה און צװײ, פֿאַרטראַכט,
און װי אַברם אין װײַטער חומש־נאַכט,
איך צײל אין הימל די מיליאָנען שטערן.

נאַטור

די שוועסטער מיינע איז געווען אַ שוואַכע,
מיט בלייכן פּנים, אויסגעצערטן גוף;
געפּאָרן זומער אָטעמען די לופט
פון איינם אַ דערפל — איינגעטונקט אין סכּנ׳ן.

דערמאָנט זיך מיר אַ זומערשע נסיעה,
מיר האָבן זי אין דאָרף אַרויסבאַגלייט;
און ס׳ערשטע מאָל דערשפּירט האָב איך די פרייד
פון מיילן פעלד אין זאַנגעדיקן בליען.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך נאַטור דערפילט,
באַגראָזטע טאָלן, בערג אין וואַלד געהילט,
און וואַסערן, ווי שטראָמענדיקער זילבער — —

איך בין, פול גאַף, געזעסן אויף דער פור
און האָב געטראַכט: ווי גרויס איז די נאַטור,
און איך אין איר — אַ זעמדעלע, אַ מילבל — — —

דער „נייער פּלאַן"

פון אַלטשטאָט ענגער, הויקערדיקער, גרויער
פאַרבלאָנקען פלעג איך אויפן „נייעם פּלאַן";
אַ יעדער ווינקל האָט אַדאָ געבלאנקט,
און שטאָלץ געהויכט זיך האָט דאָ יעדער מויער.

מיין קינדיש אויג האָט נייגעריק באַבליקט דאָ
פאַרפוצטע קראָמען, רעסטאָראַנען — רייך;
געשמינקטע דאַמען, הערן — הויך און גלייך;
נאָר עפּעס־וואָס געקלעמט האָט מיך, געשטיקט דאָ:

אַ פרעמדע סביבה . . . און איך איל צוריק.
אָט זעט מען שוין ווילנעס פּראָסטע בריק.
אָט בין איך שוין אין אונזער יאַטקע־געסל.

דאָ איז מיר גראָם, כאָטש קליין איז אונזער חיים.
דאָ איז מיר גוט, כאָטש קלייר און שוך — געמיין.
דאָ בין איך זאַט, כאָטש מאָגער איז דאָס עסן.

אַלטשטאָט

דאָס יאַטקע־געסל. ענג איז אונזער דירה
פאַר טאַטע־מאַמע און פאַר קינדער אַכט;
נאָר פול איז זי מיט זעלישער עשירות,
מיט גייסטיקייט — ביי טאָג און ביי דער נאַכט.

און איך, אַ קינד נאָך, שפּאַן שוין אין ישיבה,
מיט טאַטן מיינעם — אין דער פישער־קלויז;
דאָ זיץ איך, לערן אין דער פרומער סביבה
און — בליק אינדרויסן ווען־ניט־ווען אַרויס.

דערזע מיין אַלטשטאָט: האָרבעדיק, צעגריבערט,
מיט קרומע געסלאַך, נידעריקע שטיבער,
מיט וואַכעדיקן, שטויביקן געיעג;

דאָ לעבן מענטשן אָרעמע, פאַרזאָרגטע,
דאָ עסט מען אָפט אַ ברויטל אַ געבאָרגטן —
נאָר גלויביקע פאַרגייען דאָ די טעג.

שבת

אַ גאַנצע וואָך האָט אונזער גאַס געהאַוועט —
מיט פישער, קצבֿ, באַלעגאָלע, שמיד;
נאָר אָט קומט שבת — צו אַ יעדן ייד;
דער ברוק איז רואיק, שטיל איז אויף די לאַוועס.

און איך און טאַטע און די ברידער מיינע
זיך הויבן מונטער אויפֿן „גרינעם באַרג":
דאָס חסידים־שטיבל דאָרטן, אויבן, וואַרט;
באַלד וועט עס זיך מיט לאָמפּן העל צעשיינען.

אָט שטייט שוין טאַטע ביי זיין שטיבל־„שטאָט",
און איך — לעם אים; מיט אונז צוזאַמען — גאָט;
און האַרצעדיק עס הילכן מנחה־ווערטער.

איך קוק זיך אום און בליק מיינער דערזעט:
ניט נאָר לעם מיר שטייט גאָט אַצינד און בעט —
זיין שטים זיך טראָגט פון אַ ל ע „שטעט" און ערטער — — —

די קוידענאָווער

דאָס חסידים־שטיבל. יעדן שבת־יום טוב
האָב איך אַדאָ געדאַוונט מיטן טאַטן;
עס האָבן חסידים הין־און־הער געפּלאַטערט
אין גאַרטלען — פּראָסט, אין ניט־געפּוצטן אָנטאָן.

רב שלמה־יודע — דרדקי־מלמד,
רב מענדל ראַסקין — האָט אַ שפּייז־געוועלבל,
רב יוסף־לייב — פאַרקויפט אַ הון, אַ קעלבל,
רב מרדכי־אהרן — שטיבלדיקער שמש.

די קוידענאָווער זענען קנאַפּע קצינים,
דערפאַר באַרייכט מיט ריקוד, מיט נגינה,
און מערער נאָך — מיט האָפן, מיט בטחון — — —

די שבתדיקע־יום טובדיקע שעהן
געוועזן זענען אינזלען זוּיבער־בלויע
אין ים פון לאַנגע גרויע אינדערוואָכנס — — — —

פסח

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ פּסח אין מיין קינדהייט.
די טייכן צוויי אין אונזער שטאָט — אַוועק.
מיט יונגן גרין די הוילע ערד זיך וועקט.
אַלץ גאָלדענער די זון אין הימל צינדט זיך.

און אינדערהיים, אין יעדן ווינקל — ציכטיק
(די מאַמע, שוועסטער — שווער געהאָרעוועט);
אַ קלאָרע וואָרט שוין טאַטנס העסע־בעט;
דער ערשטער אָוונט קומט אָן הייליק־ליכטיק.

מיר זענען שוין פון שטיבל דאָ צוריק.
מיט פרייד פון יום טוב העלט אַ יעדנס בליק.
מיט ווין און מצה איז דער טיש באַלאָדן.

מיר זעצן זיך צום סדר אַלע אויס.
די שטוב ווערט פול מיט נסים — הערלאַך, גרויס —
אַרויסדערציילט פון דינינקער הגדה — — —

שבועות

ס'דערמאָנט זיך מיר שבועות אין מיין קינדהייט.
אַ זון אַ העלע שיינט אין בלויע רוימען.
מיט צווייט מיט ווייסן בליען ביימער־קרוינען.
דאָס יאַטקע־געסל זעט אויס פרישער, ייִנגער.

און אינדערהיים די פענצטער אַלע — אָפן.
ס'איז ערשטער אָוונט. נאָכן גרינגן עסן.
די ליכט אין לייכטער טוען זיך שוין לעשן.
נאָר מיר, דעם ייִנגל, ווילט זיך גאָרניט שלאָפן.

איך זיץ בײַם טיש, הער איין זיך אין די רייד
פון אייגענע — פול יום טובדיקער פרייד;
און, פול מיט חלום, לויכטן מיינע בליקן — —

די מאַמע, שוועסטער מאַכן ענדלאַך נאַכט.
נאָר איך און טאַטע און די ברידער — וואַך:
מיר זאָגן אַלע ביז באַגינען תיקון — — —

תשעה באָב

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ תשעה באָב אַמאָל.
די טעג די הייסע נעמען שוין פאַרקילן.
מען הערט שוין ווי אַ גריל אַן ערשטע גרילן.
מען זעט שוין ווי אַ בלעטל געל באַמאָלט.

אין הויז ביי אונז אַ טיפער טרויער הערשט.
דער שפּיגל איז היינט איינגעהילט — אַ בלינדער.
עס פאַסטן אַלע: טאַטע, מאַמע, קינדער.
בלויז מיר, דעם יינגל, פאַסטן איז נאָך שווער.

איך דריי זיך אום. עס ציט אַזוי אינדרויסן.
נאָר היינט זיך שפּילן איז אַ חטא אַ גרויסער.
איז נעם איך זיך באַנייעס איכה זאָגן.

איך זאָג און זע ירושלימס חורבן:
די גאָרע שטאָט — מיט טויטע אָנגעהורבעט,
פון אַלע גאַסן פייערן זיך טראָגן.

ראש השנה

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ ווייטער ראש השנה.
אין רויט, אין ראָז — די ביימערשע טשופּרינעס.
אינלופטן ציען שפּינגעוועבסן דינע.
עס דופט מיט קאַוון, וויינטרויבן און האָניק.

דער טאַטע איז אין קוידענאָוו, ביים רבין,
און מיר, די קינדער, זענען אָן השגחה;
נאָר ס'טוט אונז איצט אַ פּאָרכטיקייט באַיאָכן —
דערלאָזט ניט ליידיק אַ מינוט פאַרשוועבן.

איך שפּאַן אין שטיבל יעדן פּרי מיט אייפער,
פיל אָן די זעל מיט רופן פונעם שופר
און — טו דעם מחזור מיט התמדה מישן — — —

צו דער ווילי גיי איך תשליך זאָגן.
די וועלן, שטילע, אינדערוווייט זיך טראָגן.
מיט זיי צוזאַמען מיינע זינד פאַרפליסן — — —

יום כפור

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ קינדישע יום כפור־נאַכט,
אַ רוים אַ טיפער, אָנגעטריפט מיט פרומע שטערן;
און אַ לבנה אינעם רוים, אַ פרומע, וואַכט,
און קלייבט זיך, דאַכט, אין שול אַריין — כל נדרי הערן.

מיט קיטלען ווייסע איז דאָס שטיבל אָנגעפולט,
מיט ליכט מיט ווייסע, לאַנגע, דיקע — העל צעצונדן;
גאָט זיצט אַצינדער דאָרטן, אויבן, אויף זיין שטול
און — גרייט אַ משפט גאָר אַ שטרענגן אונז דאָ, אונטן.

איך שטיי לעם טאַטן, זינג די תפילות האַרציק אויס.
דאָס גאַנצע שטיבל, ווי אַ וואַלד אין שטורעם רוישט.
אַ יעדער דאַווענער — ווי אַ בוים צעוויגט אין ווינט — —

פון עזרת נשים, דורך אַ פאָרהאַנג, אינדערהייך,
איך שפיר אויף זיך דער מאַמעס בליקן — ווארעם־ווייך:
זי בעט אַצינד פאַר זיך, פאַר מאַן, פאַר יעדן קינד — — —

סוכות

ס'דערמאָנען זיך מיר סוכותדיקע טעג —
געהילט אין וואָלקנס, רעגנדיקע, קאַלטע;
פון ביימער פאַלן בלעטער — וועלקע, אַלטע
און הפקר־ווינטן שאַרן זיי אַוועק.

אין חסידים־שטיבל פריידיק איז אַצינד
(ווי ס'וואָלט אינדרויסן ניט געגרויט קיין אָסיען);
אַ יעדער אתרוג איז מיט זון פאַרגאָסן,
אַ יעדער לולב — אָנגעטאָן אין גרין.

מיר דאַווענען דאָ אַ „פרילינג" אויס אַ נייעם,
און נאָכן דאַווענען מאַכן אַ „לחיים",
און, בגילופין, לאָזן זיך אַהיים;

אין אַלטשטאָט ווייעט אַזאַ טיפער אומעט,
נאָר מיר, אין שפּאַנען, שטיקער הלל זשומען —
פאַרפרייליכן דאָס רעגנשע געוויין — — —

שמחת תורה

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ שמחת תורה־נאַכט,
אַ בלינדער דרויסן, רעגנדיק און ווינטיק;
אין שטיבל אָבער העל אַ שמחה צינדט זיך —
פון עק ביז עק, פון דיל און ביזל דאַך.

עס איז שוין שפּעט, נאָר צו הקפות — פרי,
דער עולם זינגט — אין ווינקל אין אַ יעדן;
און אַלע ווײַלע, אין אַן אַנדער רעדל,
אַ נײַעם ניגון טוט ווער אַ פּאַרצי.

און אויף אַ טיש רב מענדל ראַסקין טאַנצט,
מיט באָרד, ווי שניי, מיט אויגן — יתנג צעגלאַנצט,
און איך, אַ שנעק, — אַקעגן אים איך האָפּקע;

אַרום — אַ רעדל פּליעסקעט מיט די הענט,
און ס'פּליעסקען צו: די סטעליע מיט די ווענט,
און — — גאָרע שטיבל, דאַכט זיך, מיט אונז האָפּקעט.

חנוכה

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ חנוכה אַ ווייטער;
אַ גראָבער שניי פון הימל פאַלט געלאַסן —
פאַרשלייערט שטיל די גרויע אַלטשטאָט־גאַסן
אין אַ צעווייסטן ווינטערשן געלייטער.

אין הויז ביי אונז דאָס ערשטע ליכטל פינקלט,
דערציילט אַ מעשה פון די חשמונאים,
פון זייער שטרייט מיט גריכישע רשעים
און — העלט מיט שמחה אין אַ יעדן ווינקל.

דער טאַטע ברומט וואָס, מיט אַ בליק — פאַרחלומט,
די מאַמע גרייט באַטעמטע מאכלים
און מיר, די קינדער, שפּילן הייס אין גאָר — —

אין פענצטער בליט אַ נאַכט אַריין — צעליכטיקט;
די שניי־עלעך, זיי פאַלן אַליך — געדיכטער
און — — שפּינען אויס אַ יום טובדיקע וואָר — — — —

פּורים

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ פּורים אין מיין קינדהייט.
די צפּוד־קעלטן נעמען שוין פאַרשווינדן.
פון דרום ווייען וואַרעם־ווייכע ווינטן.
מיט טאָג מיט יעדן ווערט אינדרויסן לינדער.

אין הויף ביי אונז מע זעט שוין ניט קיין קראָען,
דער שניי אויף דעכער טוט זיך איילִיק שמעלצן;
איך דריי זיך אום און — טרוים פון גרינע וועלטן,
פון העלער זון, פון הימלען זויבער־בלויע.

און אינדערהיים מיט מאָן מיט זיסן שמעקט.
מיין פּורים־ביקסל, המנען ער „דעקט"',
ער שיסט אין אים אָן איינזע, אָן רחמנות;

די טיר, זי רוט ניט — עפנט זיך באַניים,
אַ בלייכער ייִנגל אויפן שוועל זיך ווייזט —
ער ברענגט פון ווו אַ נייעם שלח־מנות.

צום רבין

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ רייזע מיט דער באַן.
דאָס ערשטע מאָל קיין קוידענאָוו געפאָרן.
אין חסידים־ראָד. אַ יינגל אַן אַכטיאָריק.
באַקרייזט מיט יי"ש, מיט שמועס און געזאַנג.

אינדרויסן זונט אַן אלולדיקער טאָג.
פאַרביי די פענצטער איילן פעלדער העלע.
און אין וואַגאָן ניגונים שיינע קוועלן — —
„לחיימס" קלינגען — — ביז אין פלעשער טאָגט.

די באַן, זי רעדערט איבער ליטע, רייסן.
ס'דערציילן חסידים וואונדערלאכע מעשיות:
פון „אים" זאָל לעבן, פון רביים — פריער.

איך זיץ און הער. שוין היפּשלאך בגילופין.
מיט הייסער שמחה ברויזן זעל און גוף.
און בליקן מיינע — חלומדיק זיי גליען — —

אויף אַ חתונה

אין יענע טעג בין איך באַניים געפּאָרן —
צו מומע מלכהן, אין אַ שטעטל — קליין
(אין ליטע־לאַנד, אויף זאַמדיק־פּלאַכן פּליין):
איר טאָכטער חנה כלה איז געוואָרן.

און אַטאָ ווערט די חתונה געפּראַוועט.
די כלה שיינט אין איר חופּה־קלייד.
דער חתן איז שוין צו קידושין גרייט.
די מחותנים אַרום זיי — פֿאַרהאַוועט.

דער זאַל איז פֿול און קלעזמער פּריילאך שפּילן.
עס דרייט זיך עולם רוישיק אין קאַדרילן.
עס טוט זיך יוגנט מיט מאַזורקעס קוויקן.

נאָר איך, אַ יינגל, און דער גרייז רב יידל,
די איינציקע אין זאַל אַדאָ צוויי חסידים —
מיר האָפּקען אוים אַ קוידענאָווער ריקוד.

דערוואַכונג

אין הויף בײַ אונז, בײַ אײנעם פֿון די שכנים,
געװעזן איז אַ מײדעלע אַ שײנע;
באַטײליקט זיך אין אַלע קינדערשפּילן;
אַרומגעשטיפּט — אַ װינטעלע אין פֿרילינג.

האָט מיך צו איר גענומען פּלוצים ציען.
איך טראַכט פֿון איר — אין אָװנטן, אין פֿריען.
בײַטאָג, בײַם לערנען, אירע אױגן פֿינקלען.
בײַנאַכט, אין חלום, טוט זי לאַכן, שפּרינגען.

איך גײ אַרום פֿון איר געשטאַלט באַזעסן.
פֿאַרגעס צומאָל אין טרינקען און אין עסן.
אין זאָרגעניש, די מאַמע רירט מײַן שטערן:

בין אפשר קראַנק, מע דאַרף אַ דאָקטער רופֿן — —
יע, קראַנק בין איך — מיט גאָר מײַן זעל און גוף — —
און „מחלה״ מײַנע װערט אַלץ האַרבער, שװערער — — —

איך פאַרלאָז די היים

אַ גרויער טאָג איז אויפגעגאַנגען דאַן,
אַ האַרבסטיקער, מיט ביימער — געל געצונדן;
געגרייט איך האָב זיך צו דער ווייטער באַן,
די זאַכן מיינע איינגעפּאַקט, פאַרבונדן:

אַ קישעלע, אַ דעקע, וועש צוויי פּאָר,
אַ סידורל, אַ צענדליק פּוטערקוכנס:
די היים פאַרלאָז איך, אינדערפרעמד איך פאָר;
אַ יידיש ייִנגל גלות מוז פאַרזוכן.

די מאַמע קושט מיך: היט אָפּ דאָס געזונט!
איך נעם דאָס פּעקל, שפּאַן שוין — מונטער, יונג,
באַגלייט פון טאַטן — צום וואָקזאַל באַקאַנטן.

אָט איז די באַן. איך זיץ שוין אין וואַגאָן.
— היט פרומקייט אָפּ! — דער טאַטע זאָגט מיר אָן — — —
און — ס'טראָגט מיך שוין אין פרעמדע, ווייטע
קאַנטן — — —

אינדערפֿרעמד

צו עלעף יאָר

בין אַלט געווען קאַרגע עלעף יאָר,
ווען אינדערפרעמד געשיקט האָט מיך מיין טאַטע:
גיי, זון, אין גלות, ווער דאָרטן געוואָר,
וואָס הייסט אַ יידזיין, ווי אַ ייד זיך מאַטערט.

און אָט האָב איך די היים פאַרלאָזט — אַוועק
אין שטעט, אין שטעטלאַך, מיט דער תורה פעכטן;
ביי פרעמדע טישן האָב געגעסן טעג,
אין קאַלטע שולן איינאַליין גענעכטיקט.

געשלאָפן אָפטמאָל אויף אַ האַרטער באַנק;
און מיטן פנים צו אַ קאַלטער וואַנט —
אַריינגעוויינט אין טויבער וואַנט מיין עלנט;

אַריינגעטרערט אין בלינדער נאַכט מיין פיין:
צו עלעף יאָר אַ וואָגלער מוז שוין זיין,
צו עלעף יאָר — אָפּקלאַפּן פרעמדע שוועלן.

אַ דינער יינגל

אַ דינער יינגל, מיט אַ פּנים — בלאַס,
איך שפּאַן אַרומעט איבער פרעמדע שטיבער;
אַ „זונטיק" האָב איך אויף אַ רייכער גאַס,
אַ „דינסטיק" עס איך אויף אַ גאַס — צעגריבערט.

אַ יעדן פרישטיק — אין אַן אַנדער הויז,
אַ יעדן מיטאָק — אַנדערע געריכטן;
ביים אָרעמאַן די ענגעניש איז גרויס,
ביים גביר אין שטוב געראַם איז, לופטיק, ליכטיק.

ביים אָרעמאַן — איך עס מיט אים צוזאַם;
די מאכלים — קנאַפּ געשמאַק אין טעם,
נאָר היימיש־וואַרעם אַרום טיש — די בליקן;

ביים גביר אין הויז איך עס אַליין — אין קיך,
אַן אַלטע דינסט, אַ בייזע, קאָרמעט מיך
און — קוקט, ווי כ'טו זיך מיטן עסן שטיקן — —

ברויט מיט טיי

אַ וואַזשנער קבצן, איינגעטונקט אין נויט —
דאָך נעמט ער אויף אַ קלויזניק אין זיין כאַטע;
אויב ניט מיט פּוטער, איז מיט טיי און ברויט;
איך עס ביי אים אַ „דאָנערשטיק" אַ זאַטן.

אַ גאַנצער לאַבן הויכט זיך אויפן טיש,
דערביי — מיט וואַסער קאָכיקן אַ טשייניק;
דאָס ברויט, ווי טאָרט, ווי לעקאך איז מיר זיס,
דאָס הייסע וואַסער — צו מיין גומען וואַיניק.

איך פיל זיך דאָ, אין אָ־דער כאַטע, ווויל;
מיט קינדערלאך אַ טוץ אַ האַלבן — הויל,
און מיט אַ מידער, שעמעוודיקער מאַמען — —

דער טאַטע האָט אַ וואָגן מיט אַ פערד:
אַ באַלעגאָלע; אַ פרנסה — שווער;
נאָר דאַנקען גאָט: אויף ברויט און טיי — פאַראַנען — — —

מטבעות

אין איין אַ מויער, ביי אַ גרויסן גביר,
געשמאַקע שפּייז אין קיך סערווירט מען מיר;
נאָר אויספּרווון מע טוט מיך יעדן מאָל,
צי בין איך ניט אַ . . . גנבל אַמאָל.

מטבעות פינקלען תמיד אויפן טיש
לעם טעלער מיינע — פול מיט פלייש, מיט פיש;
מיט זייער זילבער בלענדן זיי מיין בליק,
מיט זייער שיין פאַרשפּרעכן זיי מיר — גליק.

דער יצר־הרע רעדט מיך שטענדיק איין:
דו טו זיי שטיל אין קעשענע אַריין:
עס פעלט דיר דאָך, מיין קלויזניקל, אַ „מאָנטיק" — —

דער יצר טוב, ער רעדט מיך אָפּ פון דעם:
די אכטע דיברה, יצחק, ניט פאַרשעם,
און עלטערן קיין בושה זאָלסט ניט אָנטאָן — — —

אַליין אין שול

איך שלאָף אין שול — אַליין, אַ קליינער יינגל;
שוין ווייט נאָך מעריב, אַלע — זיך צעגאַנגען;
דאָס לעצטע ליכטל האָט שוין אויסגעפינקלט;
געדיכטער חושך איז אַרום צעהאָנגען.

איך ליג לעם ברייטן, אָנגעהייצטן אויוון,
איך שלאָף און — שלאָף ניט; פול מיט גרויל — די בליקן:
מיר דאַכט זיך אַלץ: אין עזרת נשים, אויבן —
דאָרט גייט ווער אום אין ווייסן איינגעוויקלט — — —

איך שלאָף און — שלאָף ניט, וואַרט אַלץ אויף באַגינען.
נאָר ווינטער איז. אינדרויסן טוט ווער שפינען
אַ נאַכט אַ לאַנגע — לענגער פונעם גלות — — —

אַזוי פאַרשווימען שרעקיק־שוואַרצע שעהן — — —
ביז הערן נעם איך אין פאַרטאָג אין גרויעם
די טריט פון שמש אינעם קאַלטן פּאָליש — — — —

אַ מתמיד

אָ, יענע טעג, מעת־לעתן יענע ווייטע,
אין שטעטעלע אין שטילן — ווילקאָמיר!
האָב אָפּט געשטיפּט — אַ ווינטל אַ פאַרשייטער,
און אָפּט איז צייט אַ שאָד געוועזן מיר.

איך בויג זיך דעמאָלט איבער דער גמרא
אַ טאָג אַ גאַנצן — ביז אין טיפער נאַכט;
אַ מתמידל אַ קליינינקער — עלפיאָריק,
וואָס וואָלט אין לערנען גאָרע נאַכט פאַרבראַכט.

איך ניגון דעמאָלט מיט אַ ברען אַ גרויסן,
פאַרגעס אינגאַנצן אינעם שיינעם דרויסן,
אין ווינטער־ווייס, אין זומערדיקן גרין — —

איך פלאַמיק אַליין. און עלטערע תלמידים
באַבליקן מיך מיט קנאהדיקן חידוש
און — לערנען זיך התמדה פונעם „קינד" — — — —

אַ משמר־נאַכט

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ ווייטע משמר־נאַכט,
פון הימל פאַלט אַ כסלו־שניי אַ קלאָרער;
און אין ישיבה זיצן אַלע וואַך
ביי אָפענע פאַרחלבטע גמרות.

מיט ליכט באַפלעמלט איז דער גאָרער טיש,
אויף ווענט אַרום זיך וויגן שאָטנס לאַנגע;
התמדהדיק אַ בלאַט נאָך בלאַט זיך מישט
און — פול איז קלויז מיט הילכיקע געזאַנגען.

אַזוי־אָ שעהן נאַכטישע זיך קייטלען.
מיר שווימען אַלץ אין תלמוד־„ים" אין בּרייטן.
מיר רודערן מיט יוגנטלאכע כוחות — —

ביז גרוי קאַיאָר דערזעט אונז היפשלעך מידע,
נאָר מיט געזיכטער — זיגעריש צופרידן:
מיט אַכציק דפ׳ן רייכער זענען מוחות — — —

אַ שואב מים

געווען איז עס אין דער שטאָט באָברויסק,
איך האָב אַדאָרט געלערנט אין אַ קלויז,
קוואַרטיר געהאַט ביי איינעם אַ פּאָרפּאָלק —
מיט וואַסער־טראָגן זיי דערפאַר געצאָלט — —

אַ שואב מים בין ביי זיי געווען,
אַ יעדן פרי, מיט עמער אין די הענט,
צום ברונעם האָב צום וויטלאַכן געשפּאַנט —
אין ווינטערשן, אין קרירהדיקן בראַנד — —

געגאַן צוריק מיט פולע עמער צוויי,
מיט אַקסלען, רוקן — דורכגעשפּיזט מיט וויי,
מיט פראָסט אין פּנים, מיט געפריר אין פינגער — — —

ביז איינמאָל פאַל איך ערנסט קראַנק אַוועק,
און מיין פּאָרפּאָלק — זיי גיבן מיר דעם וועג:
זיי דאַרפן מער ניט אַזאַ שוואַכן יינגל — — —

אַ משכיל

געווען איז עס אין זאַסלאַוו דעם שטעטל,
געלערנט האָב דאָרט „פאַר זיך״, אין אַ שול:
גמרא, פוסקים — — נאָר אין נעכט אין שפעטע
מיט אַנדערש־וואָס מיין מוח אָנגעפולט:

מיט רמב״מס „מורה״, לעווינזאָנס „תעודה״*)
(וואָס איין אַ משכיל האָט מיר צוגעשטעלט);
אַלץ מער אין דעם־אָ נייעם „ים״ געדודערט
(געשווומען גיריק צו אַ פרייער וועלט) — —

ביז ענג איז מיר אין גבול פון שול געוואָרן —
מיט אַלע אַלמערס, אָנגעפאַקט מיט ספרים — —
און ס׳האָט אינדרויסן מיך געטאָן אַ צי;

— מה נאה אילן — יעדן בוים באַוואונדערט,
דאָס גרין פון גראָז „געגעסן״ — אויסגעהונגערט,
געטרונקען דאָרשטיק העלן זון־צעבלי — — —

*) „מורה נבוכים״ פון רמב״ם,
„תעודה בישראל״ פון ר׳ יצחק בער לעווינזאָן.

אַ לערער

צו פערצן יאָר אַ לערער בין געוואָרן
אין איינס אַ דערפל אויף אוקראַינער ערד;
די וועלט האָט דאַן געפּאַכעט מיטן שווערד —
געקאָסיעט מענטשן, ווי מען קאָסיעט קאָרן.

דער ערשטער וועלט־קריג — אין זיין יאָר זיין דריטן.
ווייט אויף די פראָנטן פליסן טייכן בלוט.
נאָר דאָ אין דערפל שטיל איז און באַרוט.
אַ זומער העלט אַ דופטנדיק צעבליטער.

איך לערן דאָ מיט קינדערלאַך מיט פיר.
אַ טאָג אַ האַלבן. און דערנאָך שפּאַציר
אין דאָרף, אין פעלד — פאַרטאָן אין זען, אין הערן — — —

מיר בליקן נאָך די פויערים פון דאָרף
מיט גאַף אין אויג, מיט וווּנדער אינעם וואָרט:
אַ ייִנגל נאָך און — אָטאָ: שוין אַ לערער . . .

געזאַנג

אָ, יענער זומער — זיבצנטער יאָר!
באַפרייט איז רוסלאַנד פונעם צאַר פון בייזן.
פאַר גוי, פאַר ייד עס בליט אַ נייע וואָר.
און אויך אין דאָרף איך פיל, איך זע דערלייזונג.

אַ פרייע וועלט — אין ביימערישן גרין,
אין הימלבלוי, אין בלומיקע קאָלירן;
געצערטלט פון אַ טויעדיקן ווינט,
ווי גוט עס איז מיר שעה נאָך שעה שפּאַצירן.

אָט ליגט אַ פעלד, געהילט אין הויכן ווייץ —
ביז ווייטע ראַנדן שייניקע צעפּלייצט;
און אָט — אַ וואַסער ברייט אַזוי צעפלאָסן — — —

איך שפּאַן אַרום, אַ יידיש יינגל, גרינג,
אין זומער־פרייד אין זוניקער פאַרשפּינט
און — מיט געזאַנג מיין זעל ווערט אָנגעגאָסן — — — —

איבער אוקראינע

דער „האַניק־חודש" פון דער רעוואָלוציע
איז גיך אַוועק — אויף אייביק ווי פאַרגאַן;
אַ בירגערקריג עם ברענט אין גאַנץ לאַנד —
מיט „ווייסע" שחיטות, „רויטע" עקזעקוציעס.

און איך — איך טראָג זיך איבער הפקר־וועגן
אַלץ ווייטער, ווייטער פון מיין שטילער היים;
דורך קוילערייען אויף אַ יעדן פליין,
דורך מערדערייַ אין ישוב אין אַ יעדן.

איך טראָג זיך אַלץ, באַרינגלט מיט געפאַרן,
פון אַלע זייטן גוישע וואָס שפאַרן
אויף לעבן מיינעם יידישן — אַ נס — — —

איך טראָג זיך אַלץ אין שאָטן פון סכנה,
מיט ייִד אין בליק, מיט קרבנדיקן פנים — —
טשערניגאָוו, קיעוו, קרעמענטשוג, אָדעס — ——

כערסאָנער יאָרן

כערסאָנער יאָרן — איינס און צוויי און דריי,
פול מי און חלום, ליידן און געראַנגל;
מיין לעבן איז אָפט אויף אַ האָר געהאַנגען
אין יענער צייט — פון מעסער און פון בליי.

געזען האָב דעמאָלט נאָנט אַזוי דעם טויט,
געזען אין גופים, הענגנדיק אויף סטאָלבעס,
געזען אין קעפ, צעבראָקט פון ביקסן־קאָלבעס —
געזען ביי „ווייס", געזען ביי „גרין", ביי „רויט".*)

נאָר איך האָב אים — אָ, גליק! — אַלץ אויסגעמיטן,
כאָטש אָן זיין בים געגנוג זיך אָנגעליטן:
אי קעלט, אי הונגער, קראַנקייטן צו־זעט — —

און ווייטער זיך געראַנגלט מיטן לעבן,
פיל קראַפט און מאַרך און האַרץ אים אָפּגעגעבן —
אַן אַרבעטער, אַ שילער, אַ פּאָעט — — —

---

*) אין שטאָט האָבן אָפט געביטן זיך די מאַכטן „ווייסע",
„גרינע", „רויטע" א. אַ.

די מאָגילעוויטשעס

כערסאָנער יאָרן. בײַ דעם דניעפּ דעם בלויעם
אַ שטיבל איז אַ הילצערנע געשטאַנען;
אַן אינזל — העל — אין ליידן־דים אין גרויעם;
איך האָב זיך דאָרט געשפּירט, ווי בײַ דער מאַמען.

מיך האָט דאָרט יעדער אויפגענומען האַרציק,
און גאָר באַזונדער — יינגסטע טאָכטער: טוסיאַ;
אַ מיידל — דיק, מיט לאַנגע צעפּ מיט שוואַרצע,
מיט אויגן צוויי, וואָס כישופן און קושן.

זי האָט מיט מיר די פּושקין־שפּראַך געלערנט
און — אויסגעגלעט די קנייטשן אויף מײַן שטערן:
אַזוי נאָך יונג און — שוין מיט קנייטשן טיפע . . .

איך האָב מיט איר געלערנט ביאַליק־לשון.
מינוטן, שעהן זענען גיך געפלאָסן —
אויף גרינגע וועלן בײדן אונז געשיפלט — — — —

די שמולערס

אין זעלבן הויף אַ צווייטע הויז געווען,
וואָס האָט מיך תמיד אויפגענומען גערן:
אַ זיידע — קלוג, מיט דיכטונג אָנגעלעזן
און טעכטער צוויי — אין הויכשולן געלערנט.

און אייניקלאַך — צוויי יונגע שיינע שוועסטער,
מיט אייגנאַרט אין אויסזען, אין הלבשה,
מיט ראַפינירטע טעאַטראַלע זשעסטן,
מיט קולטיווירטן בינעדיקן לשון:

אַקטריסעס צוויי. אַ הויז פון קונסט און שירה.
האָב אָפט געמאַכט דאָ גייסטיקע שפּאַצירן
מיט אַלע פינעף איינוווינער די היגע — —

די וואָר אין שטאָט — זי האָט אַלץ היים געבלוטיקט.
נאָר דאָ אין שטוב די שעהן, די מינוטן —
אין חלום־וועלטן האָבן זיי געפליגלט — — —

הונגער

דער בירגערקריג — ער האַלט שוין ביי זיין ענד.
נאָר מיט אַ קאָפּע אין די דאַרע הענט
אַ הונגער שפּאַנט איבערן לאַנד אַרום
און — שניידט אַ שניט אַ זאַטן אומעטום.

פון וואָלגע־ברעגן ביזן קרימער סטעפּ
צו די בית־עולמס רק מע פירט, מע שלעפּט;
פון פרי ביז שפּעט לוויה גייט אַלץ אָן —
פון אופּע, טולע ביז אָדעס, כערסאָן — —

אָ, הונגער־טעג! אויך מיך האָט איר באַזוכט
מיט אייער פוילן, קברשן גערוך,
מיט אייער געלן, צאַנקנדיקן פּנים — —

נאָר איך האָב אַלץ געראַנגלט זיך, געשטרייט.
אַ מאַכטלאָזער — — אַ נעבעכדיקער לייט — —
אָן כוח שוין אין גוף און אין נשמה — — —

אַ טויטע גויע

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ נאַכט אינמיטן פעלד.
קוים מיטן לעבן פון כערסאָן אַנטרונען.
נאָר דאָ, די באַן — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט
און — גייט ניט ווייטער: ליניע איז צענומען.

די נאַכט — אין אָדר — ווינטיק איז און קאַלט.
און „אין וואַגאָן" — אָן דאַך, אָן ווענט, נאָר דילן —
אַ שניי עס שיט — אויף יונג, אויף קינד, אויף אַלט
און — טוט אונז אַלע אין „תכריכים" הילן.

די קעלט, זי דרינגט אַלץ מער אין מיר אַריין.
איך ווער זיך לאַנג, נאָר שלאָף צוביסלאַך איין.
און — וועק זיך אויפעט אין פאַרטאָג אין גרויעם:

מיר שטייען אַלץ. מיט הויכן שניי פאַרשאַרט.
און ביי מיין זייט, מיט פּנים, אויגן — שטאַר —
אַ מענטש עס זיצט: אַ יונגע טויטע גויע — — —

טיפּוס

נאָך טעג פֿון קעלט און הונגער־פּיינען טיפֿע
דערגרייכט איך האָב אַ זאַטע שטאָט — ראָמען;
נאָר בין געווען שוין אָנגעשטעקט מיט טיפּוס
און — באַלד זיך דאָ אין אַ שפּיטאָל דערזען;

אויף אַ צעפּוילטן לייזיקן מאַטראַצל,
אויף אַ מין קישן — קוויטיק, האָלציק האַרט;
אין היץ אין הויכער, אין האַלוצינאַציעס
געשליידערט זיך און — אויפֿן טויט געוואַרט.

נאָר ער, דער טויט — ער איז אַלץ ניט געקומען;
האָט אַ נ ד ע ר ע פֿון אַרום מיר פֿאַרנומען
אַוועקגעפֿירט — — דער ערד זיי אָפּצוגעבן — — —

און איך — איך ליג דאָ וואָכן אָפּ, מאָנאַטן,
צווישן טויט און לעבן אָפּטמאָל פּלאַטער
און — גיי לסוף באַניים אַרויס צום לעבן — — —

מינסק, מאָסקווע, קאָוונע

אין מינסק בין איך געווען אַ סטודענט,
אין מאָסקווע בין איך געווען אַ חלוץ — —
ביז כ׳האָב דיך, קאָוונע, אויפדאָסניי דערזען —
נאָך עלעף יאָר פון וואָגלעניש, פון גלות.

נאָר איצט, מיין היים, ביסט חרוב שוין אויף האַלב,
ניטאָ דער פאָטער, מער ניטאָ צוויי ברידער;
און מוטערס פנים — מיד אַזוי און אַלט,
און גאָרע שטוב — אַן אַלטע און אַ מידע.

און איך — אין מיר עס ברויזן אַלע די יאָרן,
דורך וועלכע בין אין רוסלאַנד אומגעפאָרן;
איז ענג מיר איצט אַדאָ ביי דיר, מיין היים — —

איז לאָז איך זיך באַניים אין וועג אַוועקעט,
נעם מעסטן נייע מאַניעצדיקע שטרעקעס,
נעם מעסטן ליטעס וואַלד און לאַן און פליין — — —

איבער ליטע

אַ יאָר אין מעמל, ביי די באַלטיק־ברעגן,
אין „החלוץ" — אַ יאָר פון זון און גליק . . .
און נאָכדעם פיר יאָר איבער ליטע־וועגן —
אין שליחותן העברעאישע געשיקט.

אָ, ליטע־וועגן! שטעטלעך אין דער ליטע!
געגערט האָט איר מיין חלום און מיין ליד;
די לאַנדשאַפטן די מאָנאָטאָן צעבליטע,
דער שטעטלדיקער תמימותדיקער ייד;

די שטעטל־יוגנט — הונגעריק נאָך בויען,
אין מאָרגן — העל — פול גלויבן, פול געטרויען,
אויף אייגן גרונט — — אין לאַנג־געגאַרטן לאַנד — — —

עס האָבן קוילער אַלע אייך פאַרלענדעט,
און ליטע־ייד — געוואָרן אַ לעגענדע,
און היים מיינע — אַ וויטער בלויער קלאַנג — — — —

איבער איראָפּע

. . . און ווידער וועגן — מערבדיקע, גלאַטע,
צעקעמטע פעלדער, שפּיגלדיקע שטעט
(מיט קונסט באַצירטע, מיט עסטעטיק זאַטע;
פאַר טראָט פון אורח העפלאַך אויסגעבעט).

בין אין בערלין אין די קאַפעס געזעסן,
האָב אין פּאַריז אויף מאָנפּאַרנאַס פאַרבראַכט;
מיט יידן פריי געטרונקען און געגעסן,
מיט אַריער פריי געשמועסט און געלאַכט.

נאָר ס'האָט געשמעקט שוין מיט פאַרגיי, מיט גסיסה,
מיט גאַז־געוואַרג, מיט קרעמאַטאָריע־מיתה,
מיט ווילד אַזויפיל וואַלדישער — צעכלינעט ——

אַטלאַנטיק! נעם מיך, פיר צו ווייטע ברעגן,
וווּ נאָך ניט הפקר איז אַ מענטשנס לעבן —
וועל אפשר ד אָ ר ט אַ היים פאַר זיך געפינען — — —

אין אַ נאַכט אין ווינטער

אין אַ נאַכט אין ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואָגלט אום אַ פייטן.

זעקל אויפן אַקסל, אין דער האַנט אַ שטעקן;
שנייאיק ציען פעלדער, שנייאיק פירן וועגן.

ס'איז אַ שעה אַ שפעטע, ס'איז אַ שעה אַ טיפע;
רו אויף הוילע ביימער הויכע הימלען טריפן.

זילבער פון לבנה איבער היגלען, טאָלן;
מענטשן שלאָפן לאַנג שוין, איינגעהילט אין חלום.

קינדער אין די וויגן, גרויסע אין די בעטן;
ס'וואַכן נאָר גנבים, זונות און — פאָעטן.

אין אַ נאַכט אין ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואָגלט אום אַ פייטן.

בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער, הוליעט אויף די שנייען —
שלעפט ער זיך צעוואַקלט, וואָגלט ער פאַרווייעט.

בריט אַ פראָסט אַ שאַרפער, דרינגט אין אַלע גלידער —
שלעפט ער זיך צעפראָרן, וואַנדערט ער אַ מידער.

טוט אַ באַן ווו פייפן, רעדערט ווו פאַרסאָפעט —
ניט צו זען קיין שטיבל, ניט צו זען קיין שאָפע.

ציען פעלדער טויבע, פירן וועגן שטומע —
ווייט איז איצט אַ מאַמע, ווייט — אַ היים אַ פרומע.

אין אַ נאַכט אין ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואָגלט אום אַ פייטן.

אַלטע, עלנטע לבנה

אַלטע, עלנטע לבנה,
בלאַסע מלכה פֿון דער נאַכט,
טריף דיין זילבער אויף מיין פּנים,
מיט דיין שיין מיין וועג באַוואַך.

איבער ערדן אָנגעשנייטע
שלעפּ איך אום זיך איינאַליין,
פֿון מיין שאָטן אַ באַגלייטער
און פֿון דינעם ווינט־געוויין.

ס׳ליגן מענטשן אין די בעטן
איינגעוויגט אויף הענט פֿון שלאָף;
איך נאָר איינער, ווי אַ בעטלער,
וואַנדער אום אין שפּעטער שעה.

אַלטע, עלנטע לבנה,
בלאַסע מלכה פֿון דער נאַכט,
טריף דיין זילבער אויף מיין פּנים,
מיט דיין שיין מיין וועג באַוואַך.

אין אַ שטיבל ווייט פֿון דאַנען
בענקט אַ מאַמע נאָך איר קינד;
טויבע פֿעלדער, שטומע לאַנען,
וויסטע פֿרעמד און קאַלטער ווינט.

אינעם פֿרעמדן, קאַלטן לאַנד דאָ,
ווייט פֿון ישוב און פֿון רו,
שלעפּ איך אום זיך און איך וואַנדער
נאַכטיש, עלנט פּונקט, ווי דו.

אַלטע, עלנטע לבנה,
בלאַסע מלכה פֿון דער נאַכט,
טריף דיין זילבער אויף מיין פּנים,
מיט דיין שיין מיין וועג באַוואַך.

יונגע סאָסנעס

יונגע סאָסנעס, הויכע, שלאַנקע, ווי אין ליטע אין דער
ווייטער,
שטייען דאָ אויף באַרג אויף גרינעם אָנגעטאָן אין נאָדלען
— פריש;
היינט איז פרייטיק — היימיש־יונגער, יינגלדיק צעבליטער
פרייטיק —
מוטער מיינע! מוזסט שוין גרייטן צו דעם שבתדיקן טיש.

שפּרייטסט דעם טישטוך שוין דעם ווייסן, לייגסט אַוועק
די חלות — לויטער,
שטעלסט אַוועק די בלאַנקע לייכטער מיט די הויכע, שלאַנקע
ליכט;
היינט איז פרייטיק — נע־ונדער; אַ פאַרשטויבטער,
אַ פאַרגרויטער,
שלעפּ איך אום זיך אינדערפרעמד דאָ מיט אַ בענקשאַפט
אין געזיכט.

היינט איז פרייטיק. הימל — זויבער. און די זון ביי מערב־
זוימען
גיסט איר גינגאָלד איבער פעלדער, איבער באַרג און
איבער טאָל — —
באַלד שוין, באַלד שוין — ס'וועלן סאָסנעס מיט די גרינע
נאָדלען־קרוינען
זיך צעצינדן אין דער שקיעה, ווי די שבת־ליכט
אַמאָל — — —

ליובאַוויטש

ליובאַוויטשער ווייטע שבתים,
פֿאַרנאַכט, נאָך דער סעודה דער דריטער,
מיין זיין ווערט אויפֿסניי אָנגעגאָסן
מיט אייער צעפֿריידיקטן ציטער.

שוין טונקל אין קליינינקן שטיבל,
צעווישן דעם עמוד און בימה;
אַ חברה בחורים אַ ליבע
פֿאַרהערט זיך אַדאָ מיט די שטימען.

דאָס זינגט מען ניגונים אַצינדער,
חב״דישע שיינע געזאַנגען;
און אויגן מיט חלום זיך צינדן
פֿון צייטן צעזונטע — פֿאַרגאַנגען.

פֿון דורות רביישע — בלענדיק,
פֿון שעפֿער פֿון העלע פֿון חסידות,
פֿון ליכטיק צעשיינטע לעגענדעס —
בעל־פּה און אין ספֿרים — פֿול חידוש.

עס ציט זיך אַ ניגון נאָך ניגון —
מעלאָדיש, קאָלירִיק, דין־דופּטיק;
און שאָטנס עס נעמען צעוויגן
דעם אָוונט, וואָס הענגט שוין אינלופֿטן.

די חברה בחורים אַלץ פֿעסטער
באַהעפֿט זיך — פֿאַרקניפּט זיך צוזאַמען;
און שטימע מיט שטימע פֿאַרמעסט זיך
אין דבקות, וואָס האָט אַלע טעמים.

עס באַסעוועט שמשון פֿון וויטעבסק,
און יאַנקל טענאָר לאָזט זיך הערן,
און מענדל דער אַלט, אַ צעגליטער,
פֿאַרגייט זיך וואָס ווייטער אַלץ מערער.

און בונים באָברויסקער, דער שוואַרצער
(זיין באָרד אים דערגרייכט ביזן גאַרטל),
זשומט אונטער מתיקותדיק, האַרציק
אויף שטימע אויף זיינער אויף צאַרטער.

און איך, אויף מיין קולכל מיין דינעם
(איך בין דאָ דער קלענסטער — אַ יינגל),
טו העלפֿן די בעלי־נגינה
און — טראָג זיך אויף פֿליגלען אויף גרינגע.

עס ציט זיך אַ ניגון נאָך ניגון —
מעלאָדיש, קאָליריק, דיקדוקטיק;
און שאָטנס אַלץ מערער צעוויגן
דעם אָוונט, וואָס הענגט אינדערלופֿטן.

אָט פֿינטלט אין שויב שוין אַ שטערן,
אין מעריב דערמאָנט מיט זיין ווינקען;
נאָר ס׳וויל פֿון דעם קיינער ניט קלערן,
עס ווילט זיך ניט אויפֿהערן זינגען.

עס ווילט זיך די פֿריידיקע שעהן
פֿאַרהאַלטן מיט יעטווידן ניגון —
אַז אויך אין די וואָכטעג די גרויע
זיי זאָלן דיך, לויטערע, וויגן — —

ליובאַוויטשער ווייטע שבתים,
פֿאַרנאַכט, נאָך דער סעודה דער דריטער,
מיין זיין ווערט אויפֿסניי אָנגעגאָסן
מיט אייער צעפֿריידיקטן ציטער.

ביי דער מצולה

לזכר אברהם רייזען

כ'האָב אין זכרון היינט געמאַכט
אַ רייזע פון צוריק מיט יאָרן
און אויף אַ פור מיט מינסקער שליאַך
אין קוידענאָוו אַריינגעפאָרן.*)

אַ יינגל בין איך דאַן געווען,
קיין דרייצן יאָר ניט אַלט קיין פולע;
געקומען לערנען צווישן ווענט
פון רבינס קלויז — ביי דער מצולה.**)

אַ קלויזניקל געוואָרן דאָרט,
דורך טעג דורך לאַנגע — רק געלערנט;
און אין קאַפּאָטקע — האַרטער קאָרט —
געטרוימט אַ רב אַ גרויסער ווערן.

נאָר ס'האָט פון וועג אַראָפּגעפירט
אַ חבר מיך — מיט „ספרי מינות";
און, ביסלעכווייז, האָב איך דערשפירט:
שוין ניט קיין רב מיר ליגט אין זינען.

און איינמאָל, אין אַ נאַכט, אין האַרבסט,
געלייענט האָב אַ מעשה — „אייזן";
און ס'האָט פאַרקריצט זיך אין מיין האַרץ
דער נאָמען פון מחבר — רייזען.

האָב פאַרגעדענקט זיין יונגנמאַן —
אין מיידלס בליק אַריינגעפאַנגען;
פון אייזן־קלייט מיט אים געשפּאַנט,
מיט אייזנוואַרג באַלייגט, באַהאַנגען.

---

*) א. רייזענס היימשטעטל

**) אַ זומפּיק וואַסער אין שטעטל.

און פונעם מיידל האָב געטראַכט,
געווען אין איר פאַרליבט אַפילו . . .
ביז איינמאָל, אין אַ ווינטערנאַכט
(אין רבנים קלויז, ביי דער מצולה),

האָב איך דערפילט: ס׳איז גאָר ניט זי —
ס׳איז גאָר די טאָכטער פונעם רבין;
צו א י ר מיט גאָר מיין זיין איך ציִ,
פאַר א י ר בין גרייט מיין לעבן געבן.

פאַר איר, פאַר פערלען — רייציק שיין,
מיט רויטע צעפּ מיט צוויי, ווי שלאַנגען;
פאַר איר, פאַר פערלען, וואָלט איך גיין
מיט אייזנוואַרג באַלייגט, באַהאַנגען.

און כ׳האָב געחלומט פון דאַן אָן
(אין רביִנס קלויז, ביי דער מצולה):
מיין טרוים — אין וואָר ער טוט זיך אָן
און איך און פערל — חתן־כלה.

און ס׳האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט:
מיין טרוים, ער איז צו איר דערגאַנגען;
און אין אַ בלויער פרילינג־נאַכט
האָט זי — מיט קושן מיך באַהאַנגען.

דעם טעם פון יעדן יענעם קוש
איך טו נאָך פילן — איצט אַפילו.
פון אונזער ליבע האָט געוווּסט
(אַ חוץ אונז ביידן) די מצולה.

מיר זענען אָפּט געזעסן דאָרט,
אין פרילינג־נעכט אין בלוי־צעבליטע;
ביז ס׳האָט געפּאַקט אונז „אויפן אָרט״
איר, פּערלס, עלטסטע שוועסטער — איטע.

און ס׳האָט געעקט זיך דער „ראָמאַן״.
איך האָב נאָך פּעטש אַריינגעקראָגן.
און פונעם שטעטל מיט דער באַן
מיין שלעכטן שם אַהיים פאַרטראָגן.

מיין ערשטע ליבע ז׳דאָס געווען
(אין קוידענאָוו, ביי דער מצולה).
ביז דאַן אַ יינגל נאָך געווען,
קיין דרייצן יאָר ניט אַלט קיין פולע.

פֿון פֿאַסטן דיינעם

פֿון פֿאַסטן דיינעם, פֿרומער פֿאָטער מיין,
געוואַקסן בין איך קליין און בלייך און מאָגער;
איז איצטער שווער מיר אומשלעפּן מיין פּיין,
איז איצטער שווער מיר מיינע ליידן טראָגן.

געזאָרגט האָסט זיך פֿאַר ווילזיין פֿון מיין זעל
און גוף מיינער איז קנאַפּ דיר אָנגעגאַנגען;
איז טו איך איצטער אומגיין אויף דער וועלט
מיט אומגליקן מיט אַלערליי באַהאַנגען.

גענערט מיך אַלץ מיט יענער וועלט, מיט גאָט
און ניט געשטאַרקט מיין קינדיש צאַרטן טראָט,
און ניט געגרייט פֿאַר קיום־קאַמפֿן האַרבע;

איז גיי איך איצטער אויף דער ערד אַרום —
אַ קראַנקע פֿלאַנץ, אָן רעגן און אָן זון,
אַ פֿלאַנץ, וואָס גרייט איז יעדע רגע — שטאַרבן.

אָ, וויפֿל שעהן

אָ, וויפֿל שעהן, וויפֿל טעג און וואָכן
דו גיסט דער מי פֿאַר ביסן ברויט אַוועק;
גייסט איינגעשפּאַנט אין אייזן־שווערע יאָכן,
שלעפּסט אום אויף פּלייצע שטיינער־פֿולע זעק:

אַבי אויף נאַרונג מאָגערער פֿאַרדינען,
אַבי פֿאַרדינען אויף אַ האַרטער בעט;
און שפּעט ביינאַכט, אַ פֿרייער, קענען דינען
דעם לידער־האַר מיט שיר און מיט סאָנעט.

נאָר ווערסט באַ'גזל'ט פֿון אַ יעדן כאַם,
און ס'איז דיין עסן דורכגעמישט מיט סם,
און קבר'דיק דיין בעט איז דיר די שמאָלע;

און ברענגסט דעם האַר פֿון לידער שפּעט ביינאַכט
אַ שיר — פֿאַר'חלש'ט, אַ סאָנעט — פֿאַרשמאַכט —
פֿון לעבן דיינעם קלאָגיקן פֿאַר'קללה'ט.

צו אַ־דער וועלט

צו אַ־דער וועלט מע דאַרף אַ פעסטן גוף,
צו אַ־דער וועלט באַדאַרף מען אַקסלען ברייטע;
און דו — דו ביסט אַ זייפנבלאָז אינלופט,
און דו — דו ביסט אַ שטויבל אַ פאַרוויַיטער.

צו אַ־דעם לעבן דאַרף מען שטאַרקע הענט,
צו אַ־דעם לעבן פיס באַדאַרף מען פלינקע;
און דו — אַ גראָז אין האַרבסטיקן פאַרלענד,
און דו — אַ טוי אין רגע'דיקן פינקלען.

צו אַ־דער צייט מע דאַרף אַ דיקע הויט,
אַ האַרץ אַ טויבע, אַ געוויסן — טויט,
און איבער קעפּ און לייבער דאַרף מען טרעטן;

און דו — אַ לאַם אַ הילפלאָזער אין פעלד
(באַקרייזט פון בייזע הונגעריקע וועלף),
מיט גרויל אין בליק, מיט מויל, פול „מע״־געבעטן.

אינדערפרעמד

א

ווי טיף צעבלויט איז דאָ די הימלדיקע רחבות,
ווי פריש צעגרינט איז דאָ די רחבותדיקע ערד
(מיט וועלדער אויף די בערג, מיט פאַרמס ביי די שליאַכן,
מיט שטוב פאַר הויזגעזינד, מיט שטאַל פאַר קו און פערד).

עס היטן טירן אָפּ געטרייע הינט, קודלאַטע,
עס איז אַ יעדע שטוב מיט וואַרעמקייט באַהויכט;
אַ יעדער טיש איז פול מיט עסן־טרינקען זאַטן,
פון יעדן קוימען קרייזט אַ דופטנדיקער רויך.

און די דאָ שפּאַנסט אַרום אין שטויבנדיקע ווינטן,
אין האַרץ — דער וואָגל־צער, אין בליק — דער סימן־לייד;
און ווי אַ זינדיקער, באַגלייט פון שרעק פון בלינדער,
די טוליעסט צו דער ברוסט אַ ציטעריקע ליד.

ב

זיי זעען ניט דעם נס פון אויסגעפּיקטן קנאָספּ
אויף קאָרע קנייטשיקער פון קנאָכעדיקע צווייגן —
און זייען זייער פעלד אין פרילינגשן צעגאָס
פאַר קאָרנדיקן בלי, פאַר זאַנגעדיקן שטייגן.

זיי הערן ניט די פלייט די צערטלאַכע פון פּאַן
אויף גרינע קעפּ פון בערג, אין וועלדער־טיפן בלויע —
און שניידן זייער ברויט אין זומער — גאָלדיק־בלאַנק —
פאַר טעג פון ווייסן פראָסט, פאַר ווינטער־וואָכן גרויע.

און דו, וואָס ציטערסט אויף מיט זינען און מיט זעל
ביי מינדסטן שיין פון זון, ביי דינסטן ריר פון בלעטער —
דו בלאָנקעסט דאָ אַרום — אַ בלאַט אין געלן וועלק,
געטריבן פונעם ווינט אין אָסיען־נעכט אין שפּעטע.

ג

אַ שטיל־פאַרחלומטער, דו בלאָנקעסט דאָ אַרום
אין פריען ראָזעווע, אין צונטערע פאַרנאַכטן;
באַגעגנסט אָפט אַן אויג אַ בליקנדיקע קרום:
וואָס טוט אַדאָ אַ גר? וואָס זוכט אויף פרעמדער נחלה?

און דיר איז טייער דאָ אַ יעדער בוים און קוסט
אין ווינטערדיקער הויל, אין זומערשן צעבלעטער;
דו וואָלסט אַ יעדע צווייג געאָרעמט און געקושט,
דו וואָלסט אַ יעדן בלאַט געצערטלט און געגלעט דאָ.

און דיר איז טייער דאָ אַ יעדער באַרג און פעלד
אין פרילינגשן צעגרין, אין האַרבסטיק־העלע קליידער;
דו וואָלסט אַ יעדן גראָז פאַרטרויט דיין גאָרע זעל,
דו וואָלסט אַ יעדער בלום זיך אָפּגעגעבן פריידיק.

אַ צוג האָט געריִרט זיך

אַ צוג האָט געריִרט זיך, אַ צוג איז אַוועקעט
אויף האַרבסטיק פאַרשפּרייטע פאַרעגנטע שטרעקעס

און ריטמיש צעוויינט זיך, און שטאָליק צעקלאָגט זיך:
„דורך פעלדער, דורך וועלדער כסדר געיאָגט זיך;

דורך הייבן, דורך טאָלן כסדר געוואָגלט —
אין ווינטערשע שנייען, אין זומערשן האָגל,

אין פרילינג אין גרינעם, אין אָסיען אין געלן; —
אַלץ מעסטן די מיילן, אַלץ מעסטן דעם עלנט" . . .

און צוג האָט צעפייפט זיך און שרייבן גענומען
מיט רויכן מיט שוואַרצע אויף גרויע אַרומען — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און איך בין ביים פענצטער געשטאַנען — געפאַנגען
פון צוגישן וויי־ליד, פון צוגישע קלאַנגען.

געשטאַנען, געבליקט אַלץ אין דרויסן אין טריבן,
ווו וואָלקנס עס גייען און טראָפּנס עס טריפן,

ווו ווינטן עס בלאָזן און בלעטער עס פאַלן;
און גוט איז געווען מיר צו שטיין דאָ — פאַרפאַלן . . .

פאַרפאַלן — אין וואָגל, אין צוגישן ריטעם . . .
פאַרלאָרן — אין וואַנדער, אין וועלטישע מיטנס . . .

פאַרפאַלן, פאַרלאָרן, אָן פריי און אָן קינדער,
בלויז אומעט מיט מיר דאָ, ווי דרויסן אַצינדער . . .

אין וואָגל, אין וואַנדער, אָן קרוב, אָן קיינעם,
בלויז אָסיען מיט מיר דאָ, ווי דאָרט, אויף די פליינען . . .
— — — — — — — — — — — — — — — —

און צוג האָט געריִרט זיך, און צוג איז געלאָפן
דורך נאַקעטע פון פעלדער, דורך וועלדער — חויל־אָפן — —

דיין היים

דיין היים איז ערגעץ אונטערוועגנס,
דיין בעט — אַ גרויער, קאַלטער שטיין;
און ווו דו גייסט, איז גאָס פון רעגן,
און ווו דו קומסט, איז הינט־געוויין.

דורך טעג און נעכט, פון נויט געשאָבן,
מיט שוואַכער פרוי, מיט קראַנקן קינד — —
און וואָס דו זייסט, צעפּיקן ראָבן,
און וואָס דו שנײַדסט, פאַרטראָגט דער ווינט.

פֿון קליינוויז אָן

פֿון קליינוויז אָן אַ היימלאָזער, אַ וואָגלער —
איך פֿיל זיך היימיש אויף דער גאָרער ערד;
און ווי די הייכן פֿאַרן פֿלי פֿון אָדלער,
איז פֿריי די נידער פֿאַר מיין יעדן קער.

איך טראָג זיך אום פֿון לאַנד אין לאַנד אַ לייכטער,
אַן אָרעמאַן אַ פֿריילעכער, אָן זאָרג;
און ס'לייכט מיר טאָג, און אויך די נאַכט באַלייכט מיר,
און וווּ איך קום, איז ליב אַ יעדער אָרט.

אַזויפֿיל פֿריידן אומעטום צעשאָטן,
איך טו זיי קלייבן אין מיין זאַק אַריין:
אין היץ פֿון תּמוז — קילקייט פֿון אַ שאָטן,
אין קעלט פֿון טבֿת — מילדן זונענשיין.

איך דאַרף קיין סך. באַנוגן זיך מיט קלענסטן.
עס העלט מיך אָן מיט זעליקייט, מיט זין:
אַ פֿרוים אַ בליק אַ גוטער אין אַ פֿענצטער,
אַ שמייכל פֿון אַ שפּילנדיקן קינד.

אַ האָוועקע פֿון אַ הינטל אַ צעשטיפֿטן,
אַ האָן־געקריי, אַ מוקען פֿון אַ קו;
און יעדער וואָלקן אינעם בלוי אין טיפֿן
פֿאַרוויגט מיין האַרץ מיט פֿריידן און מיט רו.

און יעדער גאָרטן ווייט מיט דינע ריחות,
און יעדער ווינטל צערטלט, ווי מוזיק;
אַ יעדער שטיין אַ בעט איז מיר אַ ווייכע,
אַ שלאָף־געטראַנק — דער זשום פֿון בין און פֿליג.

און אייגן זענען אויבעט שטעט — אין האַווע,
מיט ווענט באַצאַמט, מיט רויכן גרוי באַדאַכט;
איך שפּאַן אַרום אויף רווישיק־פּולע לאַוועס,
ווי אויף אַ שטילן, חלומדיקן שליאַך.

און ווערט אַ שטאָט מיר ענג דורך מענטשן שלעכטע,
מיט גאַל אין אויג, מיט ליפּן — סם און שוים,
איך טו אַ שטעל דעם פּוס מיינעם דעם רעכטן
און — זייט געזונט מיר: בבל, נוה, סדום!

באַניים אין וועג. עס איז פאַרנאַכט, אין אָסיען.
עס גרייט זיך זון צום גילדערנעם פאַרגיי.
די וועלט איז איצטער מיט גענאָד פאַרגאָסן,
און גופא איך — מיט חסד פול איך גיי.

איך גיי אַ גרינגער און מיט יעדער רגע,
אַלץ לויטערער צעקלאָרט זיך מיין געמיט;
און הערן לאָזן אונטער מיר די וועגן
דעם ריטעם פון אַ וווּנדערלאַכן ליד.

און זינגען נעמט דער האַרבסט אין מיר מיט פאַרבן
פון וואַלד און טאָל, פון באַרג און לאַן און פליין;
און ווי דאָס לעבן, לייכט ווערט מיר דאָס שטאַרבן,
און ווי די ערד — דער הימל ווערט מיר היים.

מײַן לאַנד מײַן לידערשע

מיט ביימער ווו

מיט ביימער ווו איז בעסער ווי מיט מענטשן:
עס טוען ביימער קיינעם ניט קיין שלעכטס;
אַ בוים אין פעלד ווו — ער איז דיר אַ בענטשונג
אין זומער־טעג, אין פרילינגדיקע נעכט.

אָט גרינט אַ נייער פרילינג אויף די ביימער,
זיי שטייען שוין אין בלעטער אָנגעקליידט;
אַדיע דיר, שטאָט, מיט דיינע מענטשן־היימען —
איך איל צו פרייער פעלדערישער ברייט.

איך איל פון דיר אַזוי, ווי פון אַ תּפיסה,
מיט לייב און זעל — צעבראָכן און צעקלעמט
(פון טעג — פון נויט פון צייניקער צעביסן,
פון נעכט — געהילט אין קרירהדיקע ווענט).

מיין היים בײַ דיר — אַ הינטישע קאַנורע,
מיין ביסן ברויט — מיט ביטערניש באַשמירט;
און שווער עס איז מיר שרייבן ראָזע שורות
אין קראַנקן־הייזער, פול מיט וויי, ביי דיר.

די קראַנקן־הייזער, מיט די „וואָרדן" גרויע
(מיט די חולאים אויף אַ יעדן קער) —
זיי האָבן מיר פאַרטרויט דעם גאַרן טרויער
פון אונזער קורצן דויער אויף דער ערד.

זיי האָבן מיך, אין פענט פון הארבע פיינען,
ניט איינמאָל שוין ביז ראַנד פון גרוב געבראַכט;
ווען ניט מיין פרוי, וואָס מיט זיך אַליין פאַרשיינען
מיט ווייסן טאָג מיין יעדע שוואַרצע נאַכט.

די פרוי מיינע, מיט גוטן בליק און שמייכל —
זי טוט איין זאַך: טרייבט אָפּ פון מיר דעם טויט,
וואָס רייסט זיך אַלץ, אַ הונגעריקער, גרייכן
מיין האַרץ, וואָס איז נאָך צו דעם „הי" פאַרטרויט.

די פרוי מיינע — ווי איך, אַ פּיין־באַשווערטע,
עס טרעפט, ביינאַכט, זי וועקט זיך אויף אין שרעק
און לאָזט זיך איילים צו מיין בעט — אַ הער־טאָן:
צי לעב איך נאָך, צי, גאָט באַהיט, „אַוועק".

זי קלאַמערט זיך אין מיין געביין אין ציטער,
ווי איך אין אירן — פול מיט שרעק און זאָרג;
ווען ניט די בלויע פרילינגס די צעבליטע,
מיר וואָלטןביידע שוין געווען „דאָרט".

איך וועל מיין לעבן

מ. י. מענדעלסאָנען

איך וועל מיין לעבן שוין ניט איבערמאַכן,
איך וועל ניט אויסגלייכן מיין קרומע זעל;
איך וועל אויף זייטיקע, אויף שטילע שליאַכן
אַדורכגיין ווי עס איז מיין שטיקל וועלט.

עס ווייט אַ וואַרעמקייט אַזאַ פון הייזער,
עס זאָגן טירן צו אי זעט, אי רו;
אַן איינגעשלאָסענער איך גיי פאַרביי זיי,
געטריי דער לויטערקייט פון מיין באַרוף.

עס רוישן גאַסן, מערק, עס ברויזן האַפנס,
עס יאָגט מיט האַוועניש פון יעדן אָרט;
איך גיי אַרום געהילט אין סוד פון שאַפן,
איך שפּאַן אַרום פאַרשפּינט אין נס פון וואָרט.

עס זאָגן מענטשן מיר: געננוג זיך שפּילן,
טו אָן אויף זיך אַן עול, דערגרייך אַ ציל!
וואָס קען איך ענטפערן? אַז ניט קיין צילן
מיך רייצן, כּישופן, נאָר גראַמען־שפּיל.

וואָס קען איך ענטפערן? אַז גוט איז ציילן
די „רענדלאַך" גילדערנע אין אָוונט־רוים;
און ס'איז אַ פרישער פערז — מיין בעסטער חלק,
און ס'איז אַ טויאיק ליד — מיין רייכסטע לוין.

איך וועל מיין לעבן שוין ניט איבערמאַכן,
איך וועל ניט אויסגלייכן מיין קרומע זעל;
איך וועל אויף זייטיקע, אויף שטילע שליאַכן
אַדורכגיין ווי עס איז מיין שטיקל וועלט.

פרילינג־נאַכט

פרילינג־נאַכט. אַ וועג צעווישן קליאָנען.
לינדער ווינטל. פעלדיש דופטנדיקע רו.
ליכטיק זילבערט לאָמפ פון דער לבנה
אונטער הימלס טונקל־בלויעם אַבאַזשור.

שטיל־פאַרחלומט הויערן די ביימער,
אויף די צווייגן הענגען בלעטער שטיל־פאַרקלערט;
פון מיליאָנען שטערנדלאַך באַשומרט,
שלאָפט, געהילט אין יונגן גראָז, די פרישע ערד.

שלאָף און רו אויף ערדן, ביימער, דעכער,
שלאָף און שווייגן פון דער נידער ביז דער הייך;
בלויז אַ ווייטער סודותדיקער עכאָ
פון די טריט פון מיינע וואַכע צו מיר גרייכט.

כ׳בין אַרויס אַליין אין וועג שפּאַצירן,
ס׳האָט פאַרלאָקט מיך נאַכטישע געהיימע ווייט;
שפּאַן איך, לאָז זיך פון מיין שאָטן פירן
(אומגעהייער אויסגעצויגן ביי מיין זייט).

שפּאַן איך אונטער שיין פון דער לבנה,
שנייד זיך טיפער אין דער בלייכער ווייט אַריין;
בליק זיך צו צו די פאַרקלערטע קליאָנען,
אינעם חלום פון די בלעטער הער זיך איין.

ס׳איז מיין זעל אַ פידל איצט אַ בלויע,
יעדע סטרונע מיט ניגונים איז צעבליט;
לינדער ווינטל מיט זיין בויגן — טוואיק —
צויבערט אויס אויף זייער האַרץ אַ צאַרטע ליד.

אין פעלד

ישראל ראַבינאָוויטשן

מיין אורפאָטער, נאָך ווען כ'טראָג אַ נאָמען,
געגאַנגען איז מתפלל־זיין אין פעלד
(אין גרינער ערד, אין בלויע הימל־תהומען
געזען אַדאָ דעם בורא פון דער וועלט).

און ס'האָט דער בעש"ט התבודדות געפּראַוועט
אין פעלדער־קרייז, אין רינג פון זאַנג און בוים;
צעגליט זיך דאָ מיט נייער טיפער אהבה
צום גאָרן יש — אין נידער און אין רוים.

און בעטהאָווען אין פעלד איז אומגעגאַנגען,
געשפּיגלט זיך אין בלאַט, אין בלום, אין קוואַל;
און אין צעהעלטע, אין צעפלאַמטע קלאַנגען
זיין „זיבעטע", זיין „ניינטע" אויסגעשאַלט.

און משה קולבאַק און סערגיי יעסענין
געטרונקען האָבן פעלדערישע פרייד
(אין פרילינג — לינד, אין זומערדיקן ברענען,
אין אָסיען — ברויז, אין ווינטער — ווייס פאַרשנייט).

און נאָך, און נאָך . . . און איך, ווי אַ־די אַלע —
איך גיי אין פעלד, אין ליכטיק־שטילן גבול;
דאָ ווערט מיין זעל פון גרויער וואָך נתעלה,
דאָ ווערט מיין גוף מיט ראָזער קדושה פול.

דאָ פראַלן אויף זיך אַלע מיינע צעלן
צום שטראַלנדיקן וווּנדער פון באַשאַף;
און ס'נעמט אין מיר פון אַלע זייטן קוועלן
מיט געטלאַכער, מיט קרעאַטיווער קראַפט.

איך ווער דאָ איינס מיט וואָלקנס און מיט ביימער,
איך ווער דאָ איינס מיט בריאה און מיט שטיין;
כ'דערפֿיל אַדאָ דעם תּוך פֿון יעדן חומר,
איך נעם אַדאָ דעם זין פֿון זיין פֿאַרשטיין.

התגלות־פֿול און אָנגעזונט מיט חידוש,
איך שפּאַן אַרום אין פֿעלדערישן ראָד;
און אין מיין האַרצן ברוזיקט אויף אויף יידיש
אַ פֿאָרכטיק־פֿרומער שבח צום אחד.

אין וואַלד

א

איך בין באַניים אין וואַלד, אין ראָד פון ביימער,
אין רינג אין גראָזיקן, אויף מאָכעדיקן גרונט;
דורך צווייגישן געפלעכט עם בליען רוימען
און — שפּילן אַרום מיר מיט העזעלעך פון זון.

איך בין באַניים אין וואַלד, אין גרין געשפּרייטן,
און פריידיק איז מיין האַרץ, און שמחהדיק — מיין בליק;
פון ברונעם וואַלדישן, פון טיפן־ברייטן
איך שעפּ דעם טויאיקן, דעם דופטנדיקן גליק.

איך אָטעם איין דעם וואַלד אין אַלע גלידער,
איך ווער מיט ווילדערניש מיט אוראַלטער באַשווערט;
מיט שטאַמען קנאָכיקע איך ווער פאַרגלידערט,
פאַרגופט איך ווער אַדאָ מיט וואָרצלדיקער ערד.

פאַרוואָס איז עס אַזוי, פאַרוואָס ווערט גרינג מיר
אַדאָ, אין היהשער, אין אוראַלט־ווילדער היים —
צו וויל עס בריען אַלץ מיין מויל און פינגער
מיט נעגל שפּיזיקע, מיט מעסערדיקע ציין?

און אפשר ווערט אַזוי מיר לייכט אין וואַלד דאָ,
ווייל ס'איז מיר ווערגיק־ענג אין שרייענדיקער שטאָט;
און פון די רייד פון מענטש די העפלאך־פאַלשע
איז ליבער מיר די שטיל פון וועלדערישן גאָט?

איך בין באַניים אין וואַלד, מיט וואָרצלען, צווייגן,
מיט בלעטער זאַפטיקע, מיט גראָזן — גרין־געדיכט;
און פאָרכטיק־שטיל אַרום, און אינעם שווייגן —
נאָר איך, אָ, פאַן, און דו, נאָר דו, מיין גאָט, און איך!

ב

איך גיי אַריין אין גרין־געדיכטן וואַלד,
אין חיה־היים אין טונקעלער, געהיימער —
באַגריסן מיך דאָ שטאַמען — אַלטבאַקאַנט,
באַגריסן מיך דאָ אַלטבאַקאַנטע ביימער.

אַ יאָדלע שטרעקט אַ נאָדלען־האַנט מיר אויס,
אַ נויג זיך טוט אַ קרוויזיקע בעריאָזע,
אַ דעמב אַ גראָבער, בלעטערדיק צערווישט,
צייגט אָן אויף מיר צו בויגיק־דינע גראָזן:

„אָן אַלטער פריינט. אַ יעדן זומער קומט
אַהער פון שטאָט, פון גאַסן ענגע, גרויע;
פאַרליבט אַדאָ אין יעדן ווינקל פרום,
פאַרליבט אין גרינס, אין בלומען העלע, בלויע".

און באַלד ער טוט זיין קאָפּ צו מיר אַ קער:
„ווילקאָמען, פריינט, אויפסניי אין אונזער עיגול!
נעם, צי זיך אויס אויף מאָכיק־ווייכער ערד
און — זאָל אַ רו אַ גרינגע דיך פאַרוויגן".

און אָט איך ליג אין שאָטן פונעם דעמב —
אונטער אַ טיפן הייס צעזונטן הימל;
איך ליג אָן שיך, צעשפּיליעט איז דאָס העמד
און — בליק זיך צו צום וואַלדישן געווימל:

צו קריכערלאַך פאַרשיידענע — פאַרטאָן,
צו פליג און בין צעזשומעטע — פאַרהאַוועט;
צו שמעטערלינגען, פאַרביק אָנגעטאָן,
וואָס פאַכן אום אין וואַלדיש־דינעם אוויר.

איך ליג און רו. איך בליק און הער זיך איין.
ביז דעמב מיינער — ער נעמט באַנייעסריידן:
„איך זע: עס איז דיר גוט אין וואַלד, מיין פריינט,
איך זע: דער וואַלד — ער איז דיר אַ גן עדן;

איז אפשר וואָלסטו גאָר געבליבן דאָ?
די שטאָט איז דאָך אַ שלעכטס, אַ מכשפה;
זי קען נאָך ווען דערפירן צו דער שעה,
ווען זיך צעצינדן זאָל די גרויסע שרפה,

די גרויליקע — פון העלישן אַטאָם,
וואָס וועט ניט שוינען פון אייך, מענטשן, קיינעם,
וואָס וועט אייך אַלע אָפּווישן, ווי סדום —
אי בייזע לייט, אי ווילגענויגטע שכנים;

און בלייבן דאַן די ביימער וועלן בלויז,
מיט נייעם זאַפט און פרישע קרעפטן יערן;
טאָ גיי פון דאַנען מער שוין ניט אַרויס,
טאָ בלייב מיט אונז און — וועסט אַ בוים נאָך ווערן" . . .

איך ליג און הער און פיל דערביי אויף זיך
אַ זונען־האַז אַ שפילעוודיקן, פלינקן;
און קוק זיך צו, ווי אויף אַ גרעזל קריכט
אַ ווערעמל אַ האָריקער — צעשפרינקלט.

איך ליג און הער און — טו לסוף אַ זאָג:
„עס איז אַ פּלאַן, מיין גראָבער דעמב, מיין פעסטער!
פאַרלאָזן שטאָט, מיט איר געשריי, געיאָג,
פאַרגעסן אַלע בלאָנדע, שוואַרצע בעסטיעס,

און בלײַבן שױן אין װאַלד אַדאָ — אַ בױם
מיט זאַפּטנפולע קנאָספּעדיקע צװײַגן;
און, אין אַ ברײטער בלעטערישער קרױן,
צו הימלען הױכע רחבותדיקע שטײַגן.

אַ הײם דאָ זײַן פאַר פײגל פונדערװײַט
אין בלױעם פרילינג, אין צעגרינטן זומער;
און אין דער העלער אָסיענדיקער צײַט,
אַ װעלקנדיקער, הױערן פאַראומערט.

און װינטערצײַט, אין שנײען ביז די קני,
אין בריענדיקע, בלענדיק־װײַסע קרירהס,
זיך אומשאָקלען מיט אַלע בײמער הי,
און מיט די װינטן זינגען קאַלטע שירה.

אַזױ־אָ װאָרצלען אינעם היגן גרונט
דורך אַלע מײַנע װײַטערדיקע יאָרן —
אין היץ און פראָסט, אין רעגן און אין זון,
אין בלינדע נעכט, אין טעג אין ליטער־קלאָרע" — — —

ג

אַ רויטע זון, אויף מערב־זוים צעהאַנגען,
דורך ביימער־גרין מיר שיקט איר לעצטע שיין ;
איך בין באַניים אין וואַלד אַריינגעגאַנגען —
אַליין מיט זיך אַ שטילע שעה דאָ זיין.

איך שפּאַן אַרום אויף באָדן מאָכיק־ווייכן,
איך בליק זיך צו צו שטאַמען — קרום און גלייך ;
די לופט איז פול מיט וואַיניק האַרבע ריחות,
די גראָזן, בלעטער — פריש מיט טוי באַפייכט.

אַ ווייסער בלימל, מיט אַ „האַריק" אַ געלן,
פאַרהאַלט מיך פרום אינמיטן פון מיין גאַנג :
איך ווייס : איך בין דיר, שטילער מענטש, געפעלן —
נעם צו דערפאַר מיין דופטנדיקסטן דאַנק.

אַן אַלטע יאָדלע, מיט מאָכנאַטע צווייגן,
פאַרצאַמט אַ רגע מיינע גרינגע טריט :
איך ווייס : האָסט ליב מיין טונקל־גרינעם שווייגן —
טאָ שטיי אַ וויל מיט שווייגן אין געמיט.

און ווייטער טרעט איך — איבער שאָטנס גרויע —
אין יעדן ווינקל חלומדיק צעשפּרייט.
כ'הויב אויף דעם קאָפּ : די הימלען־פעלדער בלויע —
מיט „לעמעלעך" מיט קרויזיקע פאַרזייט.

מיט וואָלקנדלעך אין אַלערליי קאָלירן :
אין העל, אין ראָז, אין ברוין, אין פיאָלעט — —
די זון פאַרמאַכט שוין מערבס לעצטע טירן
און, פלאַמיק־צונטער, לייגט זיך אין איר בעט.

דער גאָרער וואַלד — ער הילט זיך איין אין אָוונט.
אַ פֿייערפֿליג איר צוויבערגלי צעשפּילט.
מיט בייזן קול צעשרייט זיך נאָנט אַ סאָווע.
עס זאָגט וואָס אָן אַ ווייטער וויפֿורוויל.

דער אָוונט נעמט אַלץ מער דעם וואַלד אַרומעט,
אַ יעדער בוים אין חושכניש פֿאַרזינקט;
אַ פֿלעדערמויז צעפֿליגלט זיך אַ שטומע —
יאָגט אָן אַ פּחד מיט איר פֿאָכען — בלינד . . .

נאָר מיך עס שרעקט ניט ווייטער דאָ צו שפּאַנען,
נאָר מיך עס אַרט ניט וואַלדישער געהיים:
עס איז אַדאָ מיין וויג אַמאָל געשטאַנען,
עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָ מיין היים.

עס האָט אַמאָל מיין זיידע גיך געקלעטערט
אויף שטאַמען, צווייגן אין אַזאַ מין וואַלד.
מיר דאַכט אַצינד: איך זע אים צווישן בלעטער;
זיין ווילד געזיכט מיט זין איז שוין באַשטראַלט.

ער בליקט צו מיר און — ער דערקענט זיין יורש,
און ריידן נעמען זיינע בליקן צאַרט:
שפּאַציר אַדאָ, מיין איניקל, אָן מורא —
וועל שיצן דיך פֿון יעטווידער געפֿאַר.

און פֿריילעך ווערט מיר פֿון אַזאַ מין וויזיע,
און — זינגען נעם איך אינדערמיט פֿון וואַלד;
אַזש בייזע סאָווע, מיט די אויגן — שפּיזיק —
אַנטלויפֿט פֿון ווו דאָ מיט אַ גראָב געוואַלד — — — —

מיין לאַנד מײַן לידערשע

נחום מייערסאָנען

מײַן לאַנד מײַן לידערשע — אַ שטילער שליאַך
אין גבול פון גרינע פרילינגדיקע פלוינען;
אַ הימלדיקער זױבער־בלויער דאַך
אויף ביימערישע אויפגעבליטע קרוינען.

מײַן לאַנד מײַן לידערשע — די זומער־זון,
וואָס וויגט איר גאָלד אויף דינע הענט פון גראָזן;
אַ טראָפּן טוי אין בעכער פון אַ בלום,
אַ וואַסערל, צעמורמלט בחיפּזון.

מײַן לאַנד מײַן לידערשע — די שעה פאַרפרי,
ווען ראָזע וואָלקנס אינעם רוים זיך שיפן;
אַ פינקלדיקער מעטעאָר־געפלי
דורך אָוונטיקע שטערנפולע טיפן.

מײַן לאַנד מײַן לידערשע — אַ גלעט פון ווינט,
אַ בין־געזשום, אַ פלאַפל פון אַ בלעטל,
אַ פרוים אַ בליק, אַ שמייכל פון אַ קינד,
אַ שפור פון טריט אין שניי אין פריש צעבעטן.

מיך לאָקט נאָך אַלץ

מיך לאָקט נאָך אַלץ די שטילקייט פון פאַרנאַכטן
אויף זייטיקע, אויף פויערישע וועגן;
אַן אַלטער קליאָן, אַ תּפֿילהדיק פאַרטראַכטער,
מיט ראָזן שיין פון זונפאַרגיי באַרעגנט.

מיך לאָקט נאָך אַלץ די הימל־טיף די בלויע
אויף דאָרפישע, אויף נידעריקע שטיבער;
אַ וואָלקנדל — אַ לעמעלע אַ גרויאינק —
פון פעלדיש־פרייעם פאַסטוך־ווינט געטריבן.

מיך לאָקן אַלץ נאָך טרעלן פון אַ פויגל
אין וואַלדישע, אין טויאיקע פאַרטאָגן;
די קלאַנגלאָזע מוזיק פון רעגנבויגן
אויף גרינע בערג, פון שלאַקסן דורכגעצוואָגן.

מיך לאָקן אַלץ נאָך לידער גאָלדיק־העלע
פון קלאַסישע לאַנגאָניקע פאָעטן:
די שורות, ווי די פרילינג־ביימן קוועלן,
די פערזן, ווי די זומער־פרוכטן זעטן.

זומער

באַוואַכט פּון הויכע, וואַרעם־ווייכע, רחבותדיקע רוימען,
צעוואַלגערט ליגט אויף מיילך־ווייט, אַ ליכטיקער, דער זומער;
מיט קופּעס היי מיט דופּטיקע אויף לאַנגען אויף גערוימטע,
מיט רייפֿן ברויט אויף פּעלדער־שפּרייט, געהילט אין העלן
שלומער.

די זון זיך שאַרט מיט שייניקע, מיט אָנגעשאַרפֿטע שערן
און שניידט פֿון שטאַמען שאָטנס־עקן אויסגעצויגן־לאַנגע;
צום גרונט זיך בויגן זאַנגען־קעפּ געפּאַקטע, האָריק־שווערע
און חלומען פֿון סערפּישע, פֿון גאָלדיק־דינע קלאַנגען.

ס'איז האַלבער טאָג. אין שטויב אין הייסן וויקלען זיך די
וועגן.
אויף הענט פֿון גראָזן רוען ווינטן — זאַמלען נייע קרעפֿטן.
די לופֿט, זי גליט, אַן אויסגעקלאָרטע, ביז די טיפֿסטע ברעגן,
ווו ערד און הימל גליווערן אין לויטערער באַהעפֿטונג.

די פרייד

די פרייד, זי לוגט אַדאָ מיט וואָרעם־בלויע אויגן
און שפּרייט אַ נעץ פון רו פאַר גייער — שמאַכטיק־מיד ;
דער שליאַך, אַ שטילער, ליגט אין שאָטנס אויסגעצויגן —
פון ביימער קרוויזיקע פון רייען צוויי באַהיט.

און שטעגלאַך־אָדערלאַך פון שליאַך אין פעלד זיך שלענגלען,
מיט גראָזן גרין באַזוימט, אין זונליכט העל צעבלענדט ;
אויף זיילן גלעזערנע די הימלען, הייסע, ענגע,
און פייגל זינגען פויל אין תמוזדיקן ברען.

אויף לאָנקעס קניען קי אין מעלה־גרה זאַט,
אויף הייען רייט אַרום אַ שטיפערל אַ ווינט ;
עס רייפן שטחים ברויט אין שלומער ליכטיק־מאַט,
און זאַנגען וויגן זיך און קלינגען גאָלדיק־דין.

די פרייד, זי לוגט אַדאָ מיט וואָרעם־בלויע אויגן
און שפּרייט אַ נעץ פון רו פאַר גייער — שמאַכטיק־מיד ;
דער שליאַך, אַ שטילער, ליגט אין שאָטנס אויסגעצויגן —
פון ביימער קרוויזיקע פון רייען צוויי באַהיט.

הוידע, הוידע זיך

הוידע, הוידע זיך, מיין יונגע פרייד.

עס ציען ביימער זיך פון חושכניש צו ליכט
(באַזונדער וואָרצלענדיק אין וועלדערישן גרונט)
מיט בליקן דאָרשטיקע אין צווייגיקן געזיכט —
עס הויבט זיי אַ ל ע מ ע ן די צויבערין — די זון.

הוידע, הוידע זיך, מיין העלע פרייד.

עס גרינען גרעזעלעך אין פעלדערישן שוים
(מיט פרישע טראָפּנס טוי מיט פאַרביקע באַשווערט),
ווי צאַרטע קינדערלאַך, אָקאָרשט פון טראַכט אַרויס —
עס זויגט זיי אַ ל ע מ ע ן דאָס מוטערל — די ערד.

הוידע, הוידע זיך, מיין הייסע פרייד.

עס בלאָנקען וואָלקנדלאַך — געקרייזלט־ווייסע שאָף —
(אַ שעפּעלע אַהער, אַ לעמעלע אַהין)
אויף לאַנען לויטערע פון הימלשן אין־סוף —
עס טרייבט זיי אַ ל ע מ ע ן דאָס פּאַסטוכל — דער ווינט.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
פון ביימער, קוסטעס ציִען שאָטנס — לאַנג, פאַרקלערט.
אין ווינט אין לינדן בלעטער זיך באַוועגן.
אין טוי אין קילן וויקלט זיך די זאַטע ערד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
דער זוים פון מערב איז מיט שקיעה ראָז צעבליט.
דער אָוונט שווימט שוין פון די מזרח־ברעגן.
די לופט איז פול מיט פייגלשן פאַרטרוימטן ליד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
אַ וואַסערל פאַרשלאָפן מורמלט אין אַ טאָל.
אַ גריל אין גראָז, אַ מידע שוין, טוט זעגן.
אויף קעפ פון בערג לעשט אוים די זון איר לעצטן גאָלד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
פון סעדער, גאָרטנס ווייען ריחות — וואַניק־זיס.
פון לאַנען, פעלדער פאָרן פולע וועגן
מיט רייפן היי, מיט קאָרן־זאַנגען — צייטיק־פריש.

פֿאַראַן נאָך פֿרייד, פֿאַראַן

פֿאַראַן נאָך פֿרייד, פֿאַראַן — אין פֿייגלשע געזאַנגען,
ווען ס'נידערט זון אַראָפּ צום ראָזן ראַנד פֿון הימל
און צירט אין מאַטן רויט אַ יעדן בלעטל, זאַנגל,
און הילט אין מידן גּעל אַ יעדן גרעזל, בלימל.

פֿאַראַן נאָך טרייסט, פֿאַראַן — אין שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכטן
וואָס ציט פֿון ערגעץ אָן אויף עטערדיקע פֿליגלען
און שלייערט איין אין שלאָף די פֿעלדער מיט די שליאַכן,
און וויקלט איין אין טרוים די טאָלן מיט די היגלען.

פֿאַראַן נאָך גליק, פֿאַראַן — אין בלאָנקען איבער וועגן
אין שעהן דופּטיקע פֿון אָוונטן באַרוטע
און זען, ווי בלויער רוים, ביז אַלע זיינע ברעגן,
צעבליט זיך מיטן גאָלד פֿון שטערנדלאך פֿון גוטע.

איך קלייב זיי איינציקווייז

איך קלייב זיי איינציקווייז, די שטיקער בלוי,
וואָס בליקן פרום אַראָפּ פון אַלע הימל־ווינקלען,
די פרישע טראָפּנדלאַך קאָלירטן טוי,
וואָס פּערלען אויפן גראָז און אויף די בלעטער פינקלען;
די טרעלן זילבערנע פון פייגל פון צעשפּילטע,
די גלעטן זיידענע פון ווינטעלעך פון מילדע.

איך קלייב זיי איינציקווייז, די הויפנס גאָלד,
וואָס העלן רונדאַרום אין יולישע בייטאָגן,
די קלאַנגען סערפּישע אויף הייך און טאָל,
וואָס צו מיין דין געהער פון נאָנט און ווייט זיך טראָגן;
די גרינע רוישעניש פון ביימער פון באַוואָרטע,
די קילע מורמלעניש פון קוואַלן פון צעקלאָרטע.

איך קלייב זיי איינציקווייז, די דופטן — צאַרט —
פון בלומען איידעלע ביים זוים פון שטילע וועגן,
איך גיי אַרום פונפרי און ראָז באַפאַרבט
עס איז דורך לאַנגן טאָג מיין יעדע שעה און רגע.
און ווען פאַרנאַכט קומט אָן, איך שפּאַן אַוועק,
אַ זון־געזעטיקטער, אין זאַנגען־פעלדער ברייטע,
און אויף אַ יעדן טראָט פון גאָר מיין וועג
דאָס רייפע שקיעה־רויט אַלץ מערער נעמט זיך שפּרייטן.
און שטיין איך בלייב אין פעלד — אַ פולע זאַנג —
צום באָדן צייטיקן מיט שווערן קאָפּ געבויגן,
און ס׳פליסט אַריין די זון איר לעצט געזאַנג
אין טיף אין דנאָלאָזער פון מיינע שיינענדיקע אויגן — — —

אַ גאַנצן טאָג

יעקב גלאַטשטיין

אַ גאַנצן טאָג אין פעלד אַרומגעבלאָנקעט.
געפלאָנטערט זיך אין העלער נעץ פון זאַנגען.
געריסן בלומען אויף צעגרינטע לאָנקעס.
נאָך שוואַרצע יאַגדעס אין אַ העק פאַרגאַנגען.

געפרייט זיך קינדיש מיט אַ יעדן בלעטל
פון אַ בעריאָזע — אויף אַ פּוס אַ ווייסן.
געלאָזט פון ווינטן וואַרעמע זיך גלעטן,
פאַרטרויען זיך אַ ווינטיש פוסטע מעשה.

זיך אָנגעשימערט מיטן שיין פון טויען.
זיך אָנגעזיסט מיט בינישע ניגונים.
געזעטיקט אויג מיט הימלם מילדע בלויען —
מיט וואָלקנדלאַך מיט זילבערנע באַשפּונען.

אין ווילדע ווינקלען פון אַ וואַלד פאַרקראָכן,
ווו אַלטע שטאַמען הויערן פאַרשאָטנט;
גערוט אַדאָ אויף ווייכער בעט פון מאָכן
און — זייער דופט אין לונג אַריינגעאָטעמט.

אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַרג אַ הויכן.
געשטאַנען לאַנג דאָ אויף אַ שטיין אַ ברייטן.
געבליקט אינווייט, ווו בערג אויף בערג זיך הויכן
און — קייטלען זיך אין הויקערדיקע קייטן.

געבליקט אַזוי. אַ שעה און מער. אין שווייגן.
זיך אַלץ געשפּיגלט — אַ פאַרטייעט־שטילער.
און אַלץ געפילט: עס נעמט אין זעל אויפשטייגן —
און ציטיק ווערט — אַ תהילימדיקע תפילה:

ווי שיין, מיין גאָט, ווי רייצנדיק דיין וועלט איז!
ווי ליכטיק איז, ווי שטראַלנדיק דיין זומער!
די ריזן־בערג — אין ווייטן אין צעהעלטע,
די גרעזעלעך — די קאַרליקלאַך — אַרום מיר.

די טאָלן דאָרט — אין סאַמעטן, אין פּליושן.
די ביימער דאָ — מיט זונגאָלד אויף די קריינען.
די שמאָלע סטעזשקע אָ־דעם באַרג צופוסנס.
און איבער באַרג — די רחבותן די ריינע.

איך שטיי באַרוישט פון דיינע טיפע וווּנדער,
פון זייער תוכן און פון זייער צורה;
און מיט דיין גרויסקייט ווער איך דורכגעדרונגען,
און מיט דיין גבורה ווער איך דורכגעשטורעמט.

ווי דער בעל שם אין פעלדישע באַגינענס,
ווי אין פאַרנאַכטן פראַנסיס פון אַסיסי —
אַזוי איך זע דיך אין די בלעטער גרינע,
אַזוי איך הער דיך אין די קוואַלן פליסן.

ווי רבי נחמן, ערגעץ אויף יחידות,
ווי לערמאָנטאָוו, אַליין אַווד אויף וועגן —
אַזוי איך אַן דיך אין מיין ליד מיין יידיש,
אַזוי איך שפּיר דיך אין מיין וואָרט מיין יעדן.

בין איינס אַצינד מיט דיין באַשאַף דעם גאָרן,
מיט מענטש און צמח, בעל חי און דומם.
אַ לויב דיר, האַר, אויף וואַסערן אויף קלאָרע,
אַ לויב אויף ערד, אַ שבח אין די רוימען.

אורוואַלד

זומער־פּרימאָרגן צעבלויטער, צעשטראַלטער.
אורוואַלד אין נידער און ווילדוואַלד אויף שפּיצן.
דרייסט זיך אין פּלאָנטער פֿון שטאַמען פֿון אַלטע.
בּלעטער מיט טויען דיין פּנים בּאַשפּריצן.

גראָזן, צעוואַקסן, די קני דיר בּאַרירן.
שטיינער, ווי ריזן, פֿאַרשטעלן די זון דיר.
וווּ נאָר אַ שפּאַן דאָ, איז מעשׂי יצירה.
וווּ נאָר אַ ווינקל — בּראשיתדיק וווּנדער.

בּלאָנקעסט אַרומעט — אַן אָדם הראשון,
אָקאָרשט פֿון גרונטן פֿון היגע בּאַשאַפֿן.
זעסט אין דיין דמיון: עס קומען דיך גריסן
טיגערס און לייבן, בּיזאָנען און אַפֿן.

טיפֿער אין אורוואַלד אַלץ ווערסטו פֿאַרשפּונען —
ס'זאָל דיך קיין מענטש מער ניט קענען דערגרייכן.
און אויף אַ שטאַם דאָ, צעפּליקט פֿון אַ דונער,
אַטאָ־די סטראָפֿן די „ווילדע" פֿאַרצייכנסט.

זאָג ניט, מענטש, דו

זאָג ניט, מענטש, דו: גוט איז דאָרטן, וווּ איך בין ניטאָ —
ס'איז דיר בעסער, מער מאָל בעסער דאָ ווי דאָרטן;
סאַראַ בלויע הימל־טיפֿן, סאַראַ העלער טאָג,
סאַראַ ברייטע, סאַראַ ווייטע האָריזאָנטן.

רונדאַרום דיר — בערג צעגרינטע, ווו אַ קער נאָר — בערג,
האָסט דאָך ליב זיי, אָ־די „האָרבן" אָ־די שיינע;
האָסט דאָך האָלט זי, אָ־די צאַרטע, אָ־די מאַמע־ערד,
אָ־די קוויטן — אירע קינדער אירע קליינע.

שוויגז־זשע איצטער, רייד ניט גאָרניט, זאָרג ניט און ניט טראַכט,
וואָס געווען איז, וואָס דאַרף קומען — ניט דיין דאגה;
סאַראַ ביימער סאַראַ גראָבע ביי די זייטן שליאַך,
סאַראַ זינגען פֿון די פֿייגל אויף די צווייגן.

הער: אַ ווינטל אַ צעשטיפֿטער מיט די בלעטער קלינגט,
זע: אַ גרעזל צו אַ גרעזל טוט זיך נויגן;
קוק: אַ טוי — אַ צויבער־פּערל — פֿילקאָלירריק ווינקט,
וואַרט: עס יאָגט אַ וועווערקע — אַ פֿייל פֿון בויגן.

וואַרט אַ ווײַלע, רו דאָ אָפּעט, רוען דאָ — כּדאַי,
האָסט נאָכוואָס ניט, האָסט נאָכוועם ניט זיך צו איילן;
קוק: אַ וועלט אַ גאַנצע זומערט רחבֿותדיק און פֿריי
אויף די הענט פֿון אויפֿגעזונטע בלאַנקע מיילן.

דאָ, אין זוניק אויפֿגעשיינטן האָריזאָנט־רינג —
דאָ דיין וועלט איז — הן פֿון וואָר און הן פֿון חלום — — —
סאַראַ הייך און סאַראַ נידער, סאַראַ בלוי און גרין,
סאַראַ קלאָרקייט, סאַראַ שטילקייט, סאַראַ שלום — — —

דורכן פענצטער

ווען מיטנעמען דו קענסט אַ־דאָס־אָ בילד
מיט זיך אין שטאָט — עס פאַר די אויגן האָבן
דורך טעג, אין גרוי פון גאַסן איינגעהילט,
דורך נעכט, אין בלינד פון היים־ווענט איינגעגראָבן ;

וואָלט לייכטער דיר צו שלעפּן דאָן געווען
דעם קיום־עול דעם שווערן אויפן נאַקן ;
וואָלסטו דאָן גרינגער אויפנעמען געקענט
די בייטש פון נויט, פון זאָרגן די אַטאַקעס ;

וואָלט קלעם פון עלנט ניט אַזוי געדריקט,
וואָלט שרעק פאַר מאָרגן ניט אַזוי געוואָרגן ;
וואָלט אַלעס דעמאָלט פאַר דיין מידן בליק
ניט גרעל אַזוי געווען אויסגעפּאָרבן.

און אָט איז עס. דו זעסט עס בולט, נאָנט
דורך פענצטער — אָפן — פון דיין דאָרפיש הייזל :
אַ הימל — בלוי ביז ווייטן האָריזאָנט
און דאָרט, ביים ראַנד — אַ וואָלקנדל אַ גרייזער.

אַ לאָנקע — ברייט, קאָלירנדיק צעבלומט,
באַזוימט מיט ביימער — ווערבעס און בעריאָזעס ;
און אינדערמיט, געבויגן צו דעם גרונט —
אַ פּאָרל קי — אין צופעניש פון גראָזן.

נאָך צוגעבן צו אָ־דעם בילד מע דאַרף
אַ שורה שאָטנס ביימערישע, לאַנגע,
אַ פּאָך פון פליגלען אינדערלופטן — שאַרף
און זונענגאָלד — אויף אַלץ אַרום צעהאָנגען.

ס׳רויטלען זיך שוין

ס׳רויטלען זיך שוין ביימערישע קרוינען,
ס׳גאָלדן זיך שוין קעפּ פון דעמב און קליאָן;
אויף די שטילע אָפּגעהילטע פלוינען
קיל און ליכטיק אָסיען קומט שוין אָן.

אין די גראָזן זעגן לאַנג שוין גרילן,
אַ בעריאָזע שטייט שוין זאַפראַן־געל;
זון אין מערב טוט שוין בלייכער שפּילן
ביים פאַרלאָזן יעדן טאָג די וועלט.

טיפער, שטרענגער בלויען זיך די רוימען,
צפון־ווינטן ווייען עפּטער — קאַלט;
אויף אַ דאָרן צוויי וואָראָנעס טרוימען
פון אַ ווינטער — זויבער־ווייס צעשטראַלט.

אָסיען, אָסיען. גייסט אין פעלד אַרומעט
אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ טריב געמיט:
גיך אַזוי פאַרגאַנגען איז דער זומער
און די שטאָט שוין וואַרט אויף דיינע טריט.

ס׳וואַרטן גאַסן רוישנדיקע, גרויע,
פול מיט מענטשן — גלייכגילטיק און פרעמד;
קורץ — דער יום טוב און די וואָך, זי דויערט;
וואָך פון יאָך — פאַר דאַך און ברויט און העמד.

ווידער שטאָט — אין נויטן און אין פּיינען,
ווידער וואָר — אין עלנט אָנגעקלײדט — — —
נאָר ניט זאָרגן. ס׳עט אויפסניי אויפשיינען
פרילינגדיקע פעלדיש פרישע פרייד.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען

י. באַשעוויסן

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
ווען לויטערער צעוויקלט זיך דאָס הימלבלוי,
ווען ביימער־קרוינען מיט קאָלירן בליען,
און קילער פינקלען אויף די בלעטער טראָפּנס טוי.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
ווען זילבערפעדים טראָגן אום זיך אינדערלופט,
ווען מחנות פייגל צו די ווייטן פליען
און סעדער דופטן מיטן ווייַן פון רייפע פרוכט.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
ווען גרילן זעגן אין די גראָזן גאָלדיק־דין,
ווען הענער פרימער זייער קריי פאַרציען
און סליחהדיק פאַרגייט זיך אָפּט אַ וואָגלער־ווינט.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
אַ זאַטע שטילקייט איז אויף פעלדער אויסגעשפּרייט;
די זאַנגען, שווערע, צו דעם באָדן קניען
און האָרכן פאָרכטיק ווי דער שניטער צו זיי גייט.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
אַ קליאָן אַ יונגער קליידט זיך שוין אין פולן העל;
אַ דעמב אַן אַלטער צונטערדיק טוט גליען;
פון אַ בעריאָזע פאַלט אַ בלעטל — טרוקן־געל.

כ'האָב ליב די לינדע אלול־אינדערפריען,
די אלולדיקע, אומעטיק פאַרקלערטע טעג;
אַ צייטיקער, איך טו, ווי זיי, זיך ציען
אַלץ נענטער, נענטער צו מיין לעבנס לעצטן ברעג.

פאַרנאַכט אין אַלולדיקן פעלד

קום אין פעלד — מיר וועלן זען דאָרט וונדער:
טוי־קאַרעלן אויפן האַלז פון גראָז,
ביימער־לאָמפן פאַרביק אָנגעצונדן:
געל און גאָלדיק, צונטערדיק און ראָז.

אָטאָ איילט אַ וועווערקע אַ ברוינע
מיט אַ ניסל איינגעקלעמט אין פיסק;
איבער שטילע אָפגעהילטע פלוינען
רויט פון שקיעה שפעדיק זיך גיסט.

שאָטנס גרויע שטרעקן פינגער לאַנגע
איבער טאָלן, איבער לאַנען — לער;
קלעטערן אויף היגלען און דערלאַנגען
ביז די שפיצן פון די העכסטע בערג.

ווינטלאַך קאַלטע צפונדיקע הוידען
לעצטע בלעטער אויף אַן אַלטן קליאָן;
ערשטער שטערן פון די רוימען סוד'עט
אויף דער ערד, וואָס טוט אין נאַכט זיך אָן.

טונקל־בלויער טיפן זיך די הימלען,
דאָ און דאָרט אַ וואָלקנדל נאָך העלט;
כאָר פון גרילן תפילה'ט אויס אַ הימען
צו אַ פרומער אַלולדיקער וועלט.

עס ווילט זיך מיר ניט

עס ווילט זיך מיר ניט אויפשטיין היינט פון ווארעמען געלעגער,
פארלאָזן צימער ווארעמען, פארלאָזן גאָרע דירה;
נאָר ווידער ווארטן אויף מיין וואנדער זייטיק־שטילע וועגן,
מיט רייען צווי מיט ביימערשע, געצירטע אין קאָלירן.

און פאר די אויגן ליגן לאנגען אָפגעשניטן, אָפן,
און גאָרטן־ביימן נאקעטע — צעטראָטן און צעגראָבן;
אויף גראָזן דינע, דארבנדיקע רייט אַ ווינט פון צפון,
אין הימלען קאַלטע, טיף צעבלויטע קראַקן שווארצע ראָבן.

און ביי אַ וואסער ערגעצוו זיך נויגן ווערבעס פרומע,
אַ זון אַ בלייכע וויגט איר גינגאָלד אויף די קרוינען מידע —
וועל איך באַניים אַ גאַנצן טאָג אַרומבלאָנקען אין אומעט
און קומען קריק אין שפּעטן אָוונט מיט אַ זעל —
צעלידערט — — —

יעסענין

אַנטלאָפֿן פֿון שטאָטישן טומל
צו שטילקייט פֿון האַרבסטיקע פֿליינען;
איך ליג דאָ, אין איינזאַם, אין אומעט,
אין שטיבל אין הילצערנעם, קליינעם.

דער טאָג איז מיט וואָלקנס באַהאַנגען,
עס טריפֿט אַלץ אַ רעגן אַ קאַלטער;
ס'איז טונקל ביז הימלשע ראַנדן,
און טריב איז אין שטיבל אין אַלטן.

איך ליג דאָ און לייען די לידער
פֿון פֿויער פֿון בלאָנדן — יעסענין;
מחשבות אין מוח אין מידן,
ווי בלעטער ווי האַרבסטיקע ברענען.

איך קלער אַלץ פֿון טויט און פֿון קראָען
און — זע זיך אין קבר אין בלינדן;
פֿאַרטריבטע, עס טריפֿן די שעהן
און — אָוונט אַרום מיר זיי צינדן — — —

דאָס שטיבל אין חושך נעמט זינקען,
איך לעז אַלץ — אין בוך איינגעזויגן — — —
פֿון צווישן די ווערטער מיר ווינקען
יעסענינס פֿאַרלאָשענע אויגן — — — —

איך בין ווידער

איך בין ווידער אויפֿן אַסיענדיקן שליאַך,
איך בין ווידער צווישן אַסיענדיקע פּליינען;
איינגעשלייערט אין אַ לויטערן פֿאַרנאַכט,
שווייגן ביימער, שווייגן גראָזן, שווייגן שטיינער.

ס'איז די שעה איצט פֿון חזיון און פֿון ליד,
ס'איז די שעה איצט, וואָס איז לאַנג מיר הייליק־טייער;
איינאַליין דאָ, פֿול מיט טרוים, איך שטיי און בליק
צום צעקוועלטן, צום צעשפּילטן שקיעה־פֿייער.

ס'ליגט די זון שוין אויפֿן מערבדיקן ברעג,
ווי אַ דיסק אַ בלענדיקער, אַ פֿלאַמיק־ראָזער;
פֿלייצט איר שיין אויף טאָל און פֿעלד, אויף באַרג און וועג,
שטראָמט איר גלי אויף געל פֿון בלאַט, אויף גרין פֿון גראָזן.

פֿלייץ און שטראָם — — ביז לעצטער גלי ווערט
אויסגעטריפֿט.
ס'טוט זיך אָפּ פֿון בלויעם טאָג דער העלער ווונדער . . .
ס'נעמט שוין טונקלען. און אין קלאָרער הימל־טיף
ערשטער שטערן, ווי אַ טוי ווערט אָנגעצונדן.

פֿונעם מזרח ציט זיך אויס אַ קאַלטע נאַכט,
הילט אין שוואַרץ איין געל פֿון בלעטער, גרוי פֿון שטיינער.
איך בין ווידער אויפֿן אַסיענדיקן שליאַך,
איך בין ווידער צווישן אַסיענדיקע פּליינען.

אָנהייב חשון

אָנהייב חשון. ווינטן הוליען אויף די וועגן.
הפקר־בלעטער טוליען זיך צו ביימערישע פיס.
וועווערקעס, מיט אומרואיקע דיקע עקן,
היפּערן אַרום די נאָרעס — אָנגעהויפּט מיט ניס.

פּעלדער ליגן אָפן־הויל ביז הימל־שוועלן.
לעצטע פייגל פליען ווו אין לויטער־קאַלטן בלוי.
קיל־געלוסטיק האַלזט די זון אַ קליאָן אַ העלן,
ווי איר מאַן איר וועלקיקן — אַן אָפּגעבליטע פרוי.

די לעצטע טעג פון אָסיען

די לעצטע טעג פון אָסיען רויט און ראָז דערברענען,
די לעצטע זילבערפעדים אינדערלופטן בלאָנקען;
אין פורפורנע באַגינענס קען מען שוין דערקענען
אויף ערדן — איינגעפראָרן — ווינטערס ווייסן אָנקום.

די לעצטע שאַרעם פייגל זענען שוין פאַרפלויגן
אין ווייטע, זוניק־העלע, זומערדיקע קאַנטן;
און שטיל איז איצט אין וואַלד דאָ, און אויף דאַרע צווייגן
די לעצטע קראַנקע בלעטער אומעטיק פאַרצאַנקען.

און ווי אַ קראַנקער פויגל, הפקרדיק פאַרלאָזן,
דו בלאָנקעסט אום אַליין דאָ צווישן ביימער הוילע,
באַקרייזט פון טויטע בלעטער, שטאַרבנדיקע גראָזן —
אַ צילברעט פאַרן ווינטערס ערשטע קאַלטע קוילן.

גיי איך מיר

גיי איך מיר אַזוי אַרום אַליין אויף וועגן,
שטעל זיך אָפּ וווּ אויף אַ ווײַלע, שטיי אַזוי און בליק:
רונדאַרום עס ליגן ערדן — הויל, פֿאַרעגנט,
אינדערהייך עס הענגען הימלען — טונקל, וואָלקנדיק.

טונקל, האַרבסטיק . . . און פֿון צפֿון ווינטן בלאָזן.
און אויף ביימער קראַקען ראָבן — גראָבע, שוואַרץ, ווי
קרעפּ — —
שמייכל איך אַזוי צו זיך — אַליין, פֿאַרלאָזן.
און די ביימער שאָקלען צו מיט אָפּגעבליטע קעפּ — — —

ווינטער־ליד

תפילות פון קיינעם דערהערטע,
פערזן פון קיינעם געלייענט
— ראובן לודוויג.

קיינער דאַרף ניט מיינע לידער,
קיינער לייענט, קיינער הערט;
איך נאָר דאַרף זיי; פאַר איך ווידער
שרייבן לידער אין די בערג.

ווינטער איז, אַ פרי אַ קלאָרער,
פעלדער — שנייאיק, וועלדער — ווייס;
אַטאָ קום איך שוין צופאָרן,
בין שוין אין די בערג באַניים.

שפּאַן שוין אום דאָ אַ דערפרייטער
אויף אַ שניי־באַשפּרייטן שליאַך,
צווישן טאָלן, בערג באַשנייטע —
צום אַרום צום גאָרן וואַך:

שניי און שניי — אויף אַלע זייטן,
ווייס און ווייס — ביז הימל־ענד;
און אויף נאָנטן, און אויף ווייטן
לינדער זונגאָלד איז צעבלענדט.

און אויף הייכן, און אין טאָלן
רוט אין שלווה בלויער טאָג;
רו און שלווה, טרוים און שלום,
און קיין נפש איז ניטאָ...

שפּאַן איך אום דאָ אַ צעבליטער,
מיטן זונגאָלד אָנגעהעלט;
בערג — אַרום מיר, איך — אינמיטן,
און מיין בליק מיט שמחה קוועלט:

ס'לויכטן שטיבלאַך אין דער שטילקייט,
ס'פינקלען שויבן קעגן זון;
און צוקאָפּנס פון די שטיבלאך
ברענען אייזליכט פאָרכטיק־פרום.

כוהנים בײַ דער עבודה —
שטײען בײמער װײס געהילט;
שבת? יום־טוב? צי ראש חודש?
ס'פעלט נאָר דאָ לװים־שפּיל . . .

אָנגעטאָן אין װײַסע הילעס,
זיצן שטײנער אין אַ רינג;
הערן אױס אַ װינטער־תּפילה —
אױסגעפּײפלט פון אַ װינט.

נעבן זײ — אַ דעמב אַן אַלטער,
אױפן קאָפּ — אַ שנײ־של־ראש;
הױדעט זיך אין פרי אין קאַלטן,
דאַװנט שחרית אינעם פראָסט . . .

שפּאַן איך אום דאָ אַ צעבליטער,
מיטן זונגאָלד אָנגעהעלט;
בערג — אַרום מיר, איך — אינמיטן,
און מײַן בליק מיט שמחה קװעלט.

קװעלט אַ ליד אַ טװיאיק פרישע
טיף אין האַרץ אין מײַנעם אױף;
טאַטע גוטער, פאָטער זיסער,
כ'שיק עס דיר מיט דאַנק אַרױף:

פאַר דײַן װײס אין אַלע ענדן,
פאַר דײַן בלױ און זונענליכט;
בענטש מיך, בורא, מיט דײַן בלענדונג,
זון מיך אָן מיט דײַן געזיכט;

העל מײַן זעל אָן מיט דײַן שטראַלונג,
ריר מײַן מױל אָן מיט דײַן האַנט —
אַז איך זאָל מיט לידער — קװאַליק —
דינען דיר נאָך יאָרנלאַנג.

אינצוויִיעז

פינף און צוואַנציק

פאר ר. ג.

א

ווידער גרינען ביימערישע קרוינען —
ווי אין יענעם פרילינגדיקן טאָג;
און מיט קווייטן פאַרביקן די פלוינען,
איבער וועלכע אונזער צוג עס יאָגט.

ווידער בליען בעזן פיאָלעטע
אונטער בלויעם הימלישן קופּאָל;
און מיט גראָזן זאַפטנפולע, פעטע
שמעקן לאַנען, דופטן באַרג און טאָל.

פאַרביי פענצטער פלאַטערט אַזאַ שפע:
בלי אויף באָדן, גרינס אויף יעדן צווייג;
ס'ווערן וייטן ברייטער אַלץ געעפנט,
און דער צוג אַלץ העכער, העכער שטייגט.

ס'ווייזן זיך שוין אַלט־באַקאַנטע ערטער,
ווי אַ וואונדער, ווייזט זיך אונזער אָרט . . .
טרעפן דיך דאָ איז געווען באַשערט מיר;
אָ, ווי לאַנג שוין — פינף און צוואַנציק יאָר.

פינף און צוואַנציק זענען שוין פאַרשוווּמען
פון אָט יענעם יונישן פאַרנאַכט — —
ווידער איז אַ פרילינג אָנגעקומען —
יענעם יוני מיר באַניים געבראַכט.

ב

יענער יוני — פול מיט יונגע טרוימען,
פול מיט יונגן ברויזיקן באַגער;
ס'האָט, ווי היינט, געפרילינגט אין די רוימען,
ס'האָט, ווי היינט, געפרילינגט אויף דער ערד.

כ'בין, ווי היינט, געקומען דאַן אַהערצו
פון דער שטאָט — אין גרוי פון שטיין געשמידט
(בין אַנטרונען פון גערויש און מענטשן —
אין יחידות דיכטן דאָ מיין ליד).

ס'איז, ווי איצט, פאַרנאַכט שוין דאַן געווען,
רונדאַרום — אַ וואַלד אין פרישן גרין;
און באַטויט — אַ יעדער בוים און גרעזל,
און צעוויגט אין דופטנדיקן ווינט.

און אין ראָד פון גראָזן און פוןביימער
(בלוי באַהימלט, גאָלדיק־העל באַזונט) —
דו, מיט פנים — אָפן און — געהיימיש . . .
דו, מיט אויגן — גאַרנדיק און — פרום . . .

האָט מיך היים אַ צי צו דיר געגעבן —
באַלד אין ערשטער וואַלדישער מינוט;
כ'האָב דערפילט: אַריין ביסט אין מיין לעבן,
כ'האָב דערשפירט: אַריין ביסט אין מיין בלוט.

ג

וואַלד געדיכטער, נידערן און הייכן,
אונטן — טונקל, אויבן — העלע זון;
שפּאַנען מיר דאָ איבער וועגלאַך ווייכע,
שפּאַנען מיר דאָ איבער ווייכן גרונט.

ווייזט אַ שטיין זיך, מיט אַ מאָך באַוואַקסן,
לאַדט אונז איינעט אויף זיין ברייטן שויס;
זיצן מיר שוין — אַקסל נעבן אַקסל,
און אין האַרצן ביי אונז ביידן — ברויזט.

נעם איך גלעטן זייד פון דיינע ברעמען,
אָטעם איינעט בעז פון דיינע האָר;
גלויב איך זיך ניט: איז עס טאַקע אמת? . . .
זינגט אַ פויגל דאָ דערביי: ס'איז וואָר . . .

מעלה־גרה'ט אינדערנאָנט אַ קו דאָ,
טוט אונז גריסן מיט אַ פייכטן פּיסק;
ווערט שוין וואַלד אין שאָטנס איינגעקוטעט,
זינקט אין מערב צונטערדיקער דיסק.

לאָזן מיר זיך קריק אַהיים שוין ביידע —
אין אַ שטיבל טאַקע דאָ אין וואַלד;
שפּאַנסטו נעבן מיר אַזוי צעפרייידיקט,
שפּאַן איך נעבן דיר אַזוי צעשטראַלט.

ד

וואַלד, געהילט אין בלויעם טיול פון אָוונט,
בוים און גראָז — אין שלאָף שוין איינגעהילט;
ערגעץ דאָ געוואַלדעוועט אַ סאָווע,
ערגעץ דאָ זיך הערט אַ וויפּורוויל.

אין מיין פענצטער גרינט אַריין אַ שטערן
מיט אַ וווייטן סודותדיקן גלאַנץ;
כ'ליג אַ וואַכער און איך טו דיך הערן
אין דיין צימער — באַלד אַהינטער וואַנט.

דרייסט זיך דאָרט, ווי איך דאָ אויף מיין בעטל,
האָסט ניט דאָרט, ווי איך אַדאָ קיין רו;
און מיר דאַכט: אָט וועסטו עפּעס בעטן,
און מיר דאַכט: אָט גיסטו מיך אַ רוף — —

גאָט מיינער, ווי לאַנג נאָך ביז באַגינען!
יעדע רגע, ווי אַ יאָר זיך ציט — —
כ'ליג אַ וואַכער, זע דיך אין מיין זינען
און — דיין ריר דיין יעטווידן איך היט — —

ס'וועט געשען וואָס היינט ביינאַכט אין וואַלד דאָ,
ס'וועט געשען וואָס היינט מיט אונז — איך שווער — — —
ערגעץ דאָ די סאָווע אַלץ געוואַלדעט,
ערגעץ דאָ דער וויפּורוויל זיך הערט.

ה

טייערע, פאַרשייטע מיינע, פרייד פון ווונדערלאַכן לעבן,
כ'האָב פאַרזייט היינט אין דיין באָדן זוימען פון מיין מאַרך
און בלוט;
און די ערד, וואָס האָט געזען עס, האָט איר ברכה אונז
געגעבן,
און דער הימל, ווי אַן עדות, האָט געזאָגט אונז: עס איז גוט.

כ'שפּיר די דינסטע רויזן־ריחות אין באַריר פון דיינע ליפּן,
כ'זאַפּ זיך אָן מיט זיסטע זאַפטן אינעם וואַלד פון דיינע האָר,
כ'זע די העלסטע זונען־זריחהס אינעם שיין פון דיינע בליקן,
כ'הער די בלויסטע פייגל־קלאַנגען אין וויברירונג פון דיין
וואָרט.

האָסט פאַרבלענדט מיך מיט דיין פּנים, האָסט פאַרצויבערט
מיט דיין שמייכל,
האָסט געפּענט מיך און פאַרשפּונען מיט דיין יעדן קער
און ריר;
איצטער פיל איך: אין מיין האַרצן בליען שורות פוכיק־
ווייכע,
איצטער שפּיר איך: אין מיין האַרצן רייף עס ווערט
אַ צאַרטער שיר.

איז נאָך רייכערס אין דער וועלט דאָ, ווי פון ליבע די
עשירות?
איז מער גליק פאַראַן אויף ערדן ווי דאָס גליק פון מאַן־
און־ווייב?
כ'וועל דיר, מיידל מיין, ווי שלמה, זינגען היינט אַ שיר
השירים,
כ'וועל אַ שבח היינט צעשאַלן צו דיין ווייבערישן לייב — —

טייערע, פאַרשייטע מיינע, פרייד פון ווונדערלאַכן לעבן,
כ'האָב פאַרזייט היינט אין דיין באָדן זוימען פון מיין מאַרך
און בלוט;
און די ערד, וואָס האָט געזען עס, האָט איר ברכה אונז
געגעבן,
און דער הימל, ווי אַן עדות, האָט געזאָגט אונז: עס איז גוט.

ו

אינצווייען מיט דיר דאָ, באַרינגלט מיט גרינסן,
אינצווייען מיט דיר דאָ, מיט זונגאָלד באַהאַנגען —
וואָס בעסערס, מיין טייערע, קען איך זיך ווינטשן?
וואָס מערער, מיין האַרציקע, קען איך פאַרלאַנגען?

עס טרילערן פייגל אויף ביימער — צעבלעטערט,
עס וויגן זיך ווינטן אויף גראָזישע פליושן;
כ'על גלעטן די הענט דיר, די באַקן וועל גלעטן,
כ'על קושן די פיס דיר, די אויגן וועל קושן.

אַ הימל אַ בלויער אויף אַלע פיר זייטן,
אַ רחבות אַ העלע אויף אַלע אַרומען;
כ'על טרינקען דיין בראָנפן, מיין פרוי מיין פאַרשייטע,
כ'על עסן דיין האָניק, מיין מיידל מיין פרומע.

אַ יום־טוב אין טאָלן, באַצירטע מיט קוויטן,
אַ שמחה אויף לאָנען, מיט טויען באַשטראַלטע;
כ'על טויכן אין טיפן פון אָרעמס צעשפרייטע
און קלייבן די פערל פון ליבע פון צאַרטער — —

אינצווייען מיט דיר דאָ, באַרינגלט מיט גרינסן,
אינצווייען מיט דיר דאָ, מיט זונגאָלד באַהאַנגען —
וואָס בעסערס, מיין טייערע, קען איך זיך ווינטשן?
וואָס מערער, מיין האַרציקע, קען איך פאַרלאַנגען?

ז

אַ טאָג מיט דיר, אַ גאַנצן טאָג מיט דיר,
אין גרינעם וואַלד, אויף באָדן אויף צעפליטן;
זיך אָנגעטרונקען מיט דיין יעדן ריר,
זיך אָנגעשיכורט מיט דיין יעדן ציטער.

אַ טאָג מיט דיר, אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד,
באַדאַכט מיט הויכן, זויבער־בלויעם הימל;
די הענט דיינע — אַ קראַנץ אַרום מיין האַלז,
און ביידע מיר אין ים פון ליבע שווימען.

אויף בעט פון גראָז דיין ווייבערישע פּראַכט —
איז אויף דער ערד נאָך שענערס וואָס פאַראַנען?
אַ יעדער אבר יערט מיט ביימער־זאַפט,
אַ יעדער אבר פרישט מיט טוי פון לאַנען.

זיך אָנגעוואַיניקט מיטן דינסטן דופט
פון ליפּן דיינע רויזנדיקע, יונגע;
און אין דיין בלוט זיך אויפגעפּענט מיט גוף,
און אין דיין גוף מיט זעל זיך אויפגעבונדן.

אַ טאָג מיט דיר, אַ גאַנצן טאָג מיט דיר,
אין גרינעם וואַלד, אויף באָדן אויף צעפליטן;
זיך אָנגעטרונקען מיט דיין יעדן ריר,
זיך אָנגעשיכורט מיט דיין יעדן ציטער.

ח

באַקן — העלער עפּלצווייט,
ליפּן — קאַרשן צייטיק־רויטע;
גאָלדענער די זון היינט גליט
אונטער הימלען טיף צעבלויטע.

גיב מיר דיינע פידלען־הענט,
ווי אַ סטרונע — יעדער פינגער;
כ׳על אויף זיי, באַניים צעברענט,
היים מיין ליבע דיר צעקלינגען.

פול מיט גאַרונג איז דיין לייב,
צניעות־פולע — דיינע אויגן;
רייצנדיק פאַרשייטע ווייב,
מיידל — פרום, צוריקגעצויגן.

פעד־געראָך אין וואַלד פון האָר,
פייגל־טרעלן אין דער שטימע;
טו אַ גלעט מיך מיט אַ וואָרט,
מיט אַ צערטל טו אַ ברי מיך.

צי מיך צו און שטויס מיך אָפּ,
קלעם אויפסניי אין אָרעמס איינעט;
שיכור דרייט זיך היינט מיין קאָפּ
פון דיין קוש דיין יעדן — וואַיניק.

ט

אין דיינע אָרעמס וועלקט ניט אָפּ מיין גליק מיין
אויפגעבליטער,
אין דיינע אָרעמס דאַרבט ניט אָפּ מיין אויפגעבליטע פרייד;
דו ביסט מיין הייך מיין בלויע, ביסט מיין גרין געשפרייטע
נידער,
דו ביסט מיין פרי מיין ראָזער, ביסט מיין אָוונט — בלוי
צעשפרייט.

וואָס איז מיין לעבן, חוץ געדראַנג צו ריטעמדיקע קלאַנגען?
וואָס איז מיין לעבן, חוץ באַגער צו תפילהדיקן ליד?
ווי זונשיין בלאַנקע אויף אַ פעלד ווו, אָנגעדופט מיט זאַנגען,
צעפליסן היינט זיך דיינע גלעטן אין מיין יעדן גליד.

ווי ווינטל ווייכער, גרינג צעוויגט אויף ביימערישע בלעטער,
צעהוידעט היינט זיך אין מיין האַרצן דיין אַ יעדער שטיף;
עס טרינקט מיין בליק דיין אויגן־טוי און — ווערט אַלץ ניט
געזעטיקט,
עס זופט מיין מויל דיין ליפן־ווייַן און — ווערט אַלץ ניט
געשטילט.

וואָס איז מיין לעבן, חוץ געדראַנג צו דיכטערישן וואונדער?
וואָס איז מיין לעבן, חוץ באַגער צו שאַפערישן נס?
ווי פייגל־טרעלן פרילינגדיקע, גאָלדיק־העל צעקלונגען,
צעגלעקלען היינט זיך דיינע ווערטער אין מיין גאָרן יש.

אין דיינע אָרעמס וועלקט ניט אָפּ מיין גליק מיין
אויפגעבליטער,
אין דיינע אָרעמס דאַרבט ניט אָפּ מיין אויפגעבליטע פרייד;
דו ביסט מיין הייך מיין בלויע, ביסט מיין גרין געשפרייטע
נידער,
דו ביסט מיין פרי מיין ראָזער, ביסט מיין אָוונט — בלוי
צעשפרייט.

ו

בלויער מאָרגן אינעם וואַלד — אויף ביימער, גראָזן ;
יעדער ווינקל — אין אַ נעץ פון זון פאַרשפּינט ;
מילדע מיינע — דינע, איידעלע בעריאָזע ;
ווילדע מיינע — לייכטער, שטיפערישער ווינט.

כ'האָב, ווי היינט, נאָך קיינמאָל ניט אַזוי געברויזיקט,
כ'האָב, ווי היינט, נאָך קיינמאָל ניט אַזוי געברענט ;
גיב מיר, מיידל, דיינע ליפּן — זאַפטיק־רויזיק,
גיב, מיין פרוי, מיר דיינע צוויטיק־צאַרטע הענט.

ווייסן זיי דען, אָ־די קרעמער אָ־די גרויע,
אַנען זיי דען, ווי ס'קען ליבן אַ פּאָעט ?
זע, ווי ס'פינקלען אויף די מאָכן פרומע טויען,
הער פון פייגל אַלערלייע דאָס געבעט.

זאַפּ זיך אָנעט מיט די פאַרבן פון די בלומען,
טרינק זיך אָנעט מיטן טוי פון גראָז און בלאַט ;
קורץ — דער פרילינג, שנעל אַזוי פאַרגייט דער זומער,
אַטאָ בליט מען, אָט איז מען מיט וועלק שוין זאַט.

ס'קומען טעג אָן רעגנדיקע, האַרבסטיק־טריבע,
ס'קומען נעכט אָן ווינטערשע, אויף קאַלטע פיס — —
גיב־זשע, מיידל, נאָכאַמאָל דיין מויל דעריבער,
קוש, מיין פרוי, מיך נאָכאַמאָל דערפאַר גאָר זיס.

אַזױפֿיל װוּנדער נעסטן רײַציק אין דײַן גוף,
און יעדן טאָג דו טוסט זײ מיר באַניים אַנטפּלעקן;
אױף דײַנע װוּנקען מינדעסטע, אױף מינדסטן רוף
די דינסטע טענער אין מײַן האַרצן זיך צעװעקן.

פֿון װאַנען קומט זי, אָדי פֿרײד אין מײַן געמיט?
פֿון װאַנען קומט זי אין מײַן װעזן אין מײַן גאָרן?
(אַ פֿרײד, װי די, װען דיכטער צװיבערט אױס אַ ליד,
אַ פֿרײד, װי די, װען מײַסטער טוט אַ טרוים פֿאַרװאָרן). —

דאָס איז פֿון דיר, פֿון דײַנע פֿרילינגדיקע הענט,
דאָס איז פֿון דיר, פֿון דײַנע בליקן — הײס צעזומערט;
אין גבול אין דײַנעם האָט מײַן ליבשאַפֿט אױפֿגעהעלט,
אין גבול אין דײַנעם האָט מײַן גאַרונג אױפֿגעבלומיקט.

דאָס איז פֿון דיר, פֿון דײַנע ליפּן — פֿול מיט װײַן,
דאָס איז פֿון דיר, פֿון דײַן אַ יעדן זיסן אבר;
אין דײַן רשות, מײַן װײַב, איך הײב ערשט אָן צו זײַן,
אין דײַן רשות, מײַן פֿרױ, איך קלער ניט פֿון קײן קבר — —

אַזױפֿיל װוּנדער נעסטן רײַציק אין דײַן גוף,
און יעדן טאָג דו טוסט זײ מיר באַניים אַנטפּלעקן;
אױף דײַנע װוּנקען מינדעסטע, אױף מינדסטן רוף
די דינסטע טענער אין מײַן האַרצן זיך צעװעקן.

יב

פֿאַר טעג פֿאַר טריבע, איינזאַמע, אָן פֿרייד, אָן גליק,
פֿאַר נעכט פֿאַר קאַלטע, פֿינצטערע, אין וויסט, אין עלנט —
באַשיינט האָסטו מיך מיט דיין זוניק־העלן בליק,
באַשטראַלט האָסטו מיך מיט דיין שמייכל מיט דיין העלן.

געבענטשט זאָל זיין די בלויע פֿרילינגדיקע נאַכט
פֿון אונזער צאַרטער, דופֿטנדיק צעבליטער ליבע;
דו האָסט פֿאַר מיר דיין גאַנצע בלענדונג אויפֿגעמאַכט
און גאָר דאָס גרוי פֿון מיין געמיט אַרויסגעטריבן.

געבענטשט זאָל זיין דיין מויל, וואָס קושן קען אַזוי,
געבענטשט זאָל זיין דיין האַנט, וואָס קען אַזוי־אָ גלעטן;
דיין יעדער קוש, ער פֿרישט מיין לייב, ווי גינען־טוי,
דיין יעדער גלעט, ער איז פֿאַר מיר אַ זיסע זעטונג.

דיין יעדער רייץ, מיין גאָרן ווען ער צעקוועלט,
דיין יעדער חנדל, ווי אַ זריחה פֿאַר מיר לייכט ער;
האָסט מיך צעצונדן — ברען איך איצט מיט גוף און זעל
אין דיינע שלאַנקע לויכטנדיקע אָרעמס־לייכטער.

פֿאַר טעג פֿאַר טריבע, איינזאַמע, אָן פֿרייד, אָן גליק,
פֿאַר נעכט פֿאַר קאַלטע, פֿינצטערע, אין וויסט, אין עלנט —
באַשיינט האָסטו מיך מיט דיין זוניק־העלן בליק,
באַשטראַלט האָסטו מיך מיט דיין שמייכל מיט דיין העלן.

קוש מיך, ליבסטע מיינע, הייסער, זוניק אוים מיך מיט דיין
גלעטן,
לייטער אוים מיין זעל מיין טריבע מיט אַ יעדן גלעט
און קוש;
כ'האָב דורך יאָרן שווער געפּיינט זיך, מיט געפלאָגן זיך
געזעטיקט,
און אין פרילינג פון מיין לעבן — פון קיין פרילינג ניט
געוווּסט.

האָב מיט נויטן זיך געראַנגלט אין מיין וואַנדער אין מיין
פריעם,
אַנגעגעסן זיך מיט הונגער, אָנגעטרונקען זיך מיט קעלט;
שוין געזען: אויף האַלז אויף מיינעם טוט אַ שטריק זיך
ענג פאַרציען,
שוין געזען זיך קעגן ביקסן — צו אַ ווענטל צוגעשטעלט.

דורכגעבלוטיקט אומה־קריגן אויף דער ערד פון ליטע, רייסן,
אָנגעגרוילט זיך מיט הריגות אויף אוקראַינער פעטער ערד;
זיך געטריבן איבער וועגן, איינגעראָלט אין שרעק אין
ווייסער —
פאַר מערדיירים, וועלכע טראָגן שוואַרצן טויט אויף שאַרף
פון שווערד.

טעג אין קעלערס, פול מיט יידן, אין געציטער פאַר דער
בעסטיע,
נעכט אויף בוידעמס אויף געפּאַקטע מיטן אָטעם אין דער
האַנט — —
ביז אַ דריקונג אַזאַ האַרבע אין מיין האַרץ האָט זיך
פאַרנעסטעט
און זי קלעמט מיך, און זי מאַטערט אויך אין היגן, פרייעם
לאַנד — — —

קוש מיך, ליבסטע מיינע, הייסער, זוניק אוים מיך מיט דיין
גלעטן,
לייטער אוים מיין זעל מיין טריבע מיט אַ יעדן גלעט
און קוש;
כ'האָב דורך יאָרן שווער געפּיינט זיך, מיט געפלאָגן זיך
געזעטיקט,
און אין פרילינג פון מיין לעבן — פון קיין פרילינג ניט
געוווסט.

יד

איך גלויב זיך ניט, מיין ווייב, איך גלויב זיך ניט, מיין ליבע:
געשען עס האָט געקענט אַדאָס, וואָס איז געשען:
מיר זענען שוין ביינאַנד — אין איין און זעלבן שטיבל,
מיר וווינען שוין צוזאַם — אין זעלביקע פיר ווענט.

איך בין פון פרויען דאָך, ווי פון געפאַר געלאָפן,
איך האָב פון ליידנשאַפט, ווי פון אַ פיינט געוויכט;
ווי אין זיין הייל אַ בער — אין איינזאַמקייט פאַרקראָכן,
געפלאָסן שטיל־פאַרדעקט — ווי אונטער אייז אַ טייך.

געפונען זיך אַ ציל אין לידערישן שאַפן,
זיך אָפגעזוכט אַ זין אין דיכטערשן געבעט;
און אָפגעמאַכט האָב שוין: ביז לעבנס לעצטן האָפן
דערפליסן וועל אַזוי — אַ נזיר אַ פּאָעט.

האָסטו מיך אויף מיין וועג מיין איינזאַמען באַגעגנט,
פאַרבלענדט מיך מיט דיין בליק, פאַרצויבערט מיט דיין
רייץ;
מיין דאָרנדיקן קאָפּ מיט דיין צערטלעכן באַרעגנט,
מיין נזירדיקע האַרץ מיט דיין צעבלי פאַרפלייצט.

עס האָט אַ פרילינג מיך אַרומגעגראָזט אַ יונגער,
אין וואָרצלען איינגעקלעמט, אין צווייגן איינגעדרייט;
אַרומגעשטאַמט מיט טעג, פול העלן ליבע־וווּנדער,
אַרומגעבלומט מיט נעכט, פול בלויער ליבע־פרייד — — —

און יעדן אינדערפרי צעוועקסטו מיך, מיין טרייע,
מיט לויטערן געזיכט, מיט אויגן — וואַרעם־קלאָר;
פול כוחות קוואַליקע, גייט אויף אַ טאָג אַ נייער,
פול זאַפטן טויאיקע, בליט אויף אַ נייע וואָר.

אַ פֿונקיק נייע וואָר עס בליט אַצינד אָרום מיר,
אַ וואָר אַ ליכטיקע, וואָס גאָלדיקט פֿון דיין לייב;
פֿון יעדן ווינקל שטוב דיין שמייכל אויף מיר זומערט
(און לעצטע רעשטן קעלט פֿון האַרץ פֿון מיינעם טרייבט).

פֿון יעדן ווינקל שטוב דיין בליק אויף מיר, ער צינדט זיך
(און לעצטע רעשטן פֿראָסט פֿון יעדן אבר יאָגט).
דיין שמייכל און דיין בליק, זיי האָבן דאָך אַצינדער
מיט פֿרישער ייִנגלשאַפֿט מיין וועזן אָנגעטאָגט.

איך בין דאָך ייִנגערער, פֿיל ייִנגערער געוואָרן
און שווער עס איז מיר שוין דערקענען זיך אַליין;
איך קוק אויף זיך און טראַכט: איך בין ווי ניי־געבאָרן — —
איך בליק אויף זיך און קלער: איך הייב ערשט אָן צו
גיין — —

איך גלויב זיך ניט, מיין ווייב, איך גלויב זיך ניט, מיין ליבע:
געשען עס האָט געקענט אַדאָס, וואָס איז געשען:
מיר זענען שוין ביינאַנד — אין איין און זעלבן שטיבל,
מיר וווינען שוין צוזאַם — אין זעלביקע פֿיר ווענט.

. . . און ווידער איז פרילינג, און ווידער איז יוני —
אין גרינסן פֿאַרשלייערט, אין זונשיין פֿאַרשפּונען.
מיר זענען פֿון שטאָט היינט געקומען אַהערצו —
מיט ערטער מיט אַלטע באַפרישן די הערצער,
מיט ערטער מיט אַלטע זכרון באַפרישן
און — העלע אַמאָלן אויפסניי דאָ אויפמישן.
מיר שפּאַנען אויפסניי דאָ מיט וועגלאך מיט ווייבע,
באַבליקן די טאָלן, באַטראַכטן די הייכן:
אַלץ בליאיקט אַצינדער אין וואַלד אין באַקאַנטן,
אין ווינקל אין יעדן — מיט בלעטער באַהאַנגען,
אין ווינקל אין יעדן — באַצויגן מיט גראָזן,
באַפאַרבן מיט בלומען מיט בלויע, מיט ראָזע — —
עס איילן מוראַשקעס און פלאַטערלאך פליען,
און בינען — גינגאָלדיק — אַ ניגון עס ציען,
און ווינטלאַך עס ווייען, און קוואַלן עס זינגען,
און פייגל מיט טרעלן די לופטן פאַרקלינגען — —
אַלץ בליאיקט אין וואַלד איצט, באַוועגט זיך און האַוועט,
אַלץ אָטעמט מיט לעבן, אַלץ ברוזיקט מיט אהבה
און טוט אונז דערמאָנען אין טעג — לאַנג פאַרגאַנגענע,
אין טעג און מעת־לעתן, פול ליבע־געזאַנגען — —
אָ, יענע מעת־לעתן! מיר האָבן גענומען,
וואָס אונז איז פון יוגנט פון קורצער געקומען.
מיר האָבן גענומען, מיין טרייע, מיין גוטע;
עס האָבן געזונגען די הערצער, די בלוטן,
עס האָבן געזונגען די ליפּן, די בליקן —
פון טאָגישע שמחות, פון נאַכטישע גליקן — —
און איצטער, אין וואַלד דאָ, באַנייעם אינצווייען —
מיט טריט שוין מיט מידע מיר שפּאַנען, מיר גייען;
מיט גופים מיט מידע. מיר זענען ניט יונג מער.
פאַרשטילט שוין פון פרילינג פון יענעם דער הונגער.
פאַרגרינט שוין פון פרילינג פון יענעם די ליבע.
און ס'גלעט שוין אַנקעגן אָסיען דער טריבער — —

דער אָסיען דער טריבער. די יאָרן אונז האָבן
די שטערנס, די באַקן מיט קאַרבן צעגראָבן;
מיט פעדים מיט גרויע די קעפ אונז באַצויגן,
מיט אומעט פון עלטער באַשפּונען די אויגן — —
דער אָסיען דער טריבער. עס האָבן אונז יאָרן
אין נויטן פאַרפּענטעט, אין קעלטן פאַרפראָרן;
און עלנט געקלעמט האָט, און מחלות — געמאַטערט;
און ס'האָט שוין ניט איינמאָל דער טויט אונז בפלאַטערט
מיט פליגלען מיט זיינע בית עולמשע, שטילע — —
מיר האָבן געליטן — דורך אָסיען און פרילינג,
דורך ווינטער און זומער, דורך צייטן דורך אַלע;
אין נאַכט־שעהן בלינדע, אין טאָג־שעהן — שטראַליק.
מיר האָבן געליטן. מיר ליידן אויך איצטער — —
נאָר דורך אַלע צייטן, דורך שיין און דורך פינצטער,
געליכטיקט עס האָט אַלץ דער פרילינג דער ווייטער,
געוווּנקען צו אונז אַלץ — אַ יונגער, פאַרשייטער;
געצוויטעט — אַ פרישער, געוואַרעמט — אַ קלאָרער;
דורך יאָרן אַזויפיל, אַזויפיל שוין יאָרן — —
דורך יאָרן אַזויפיל. שוין פינעף און צוואַנציק . . .
און אָטאָ, ווי דעמאָלט, אין יוני — צעגלאַנציקט
מיט זונליכט און גרינסן, מיט בלויקייט און קווייטן,
אויף בערגישע הייכן, אויף לאַנישע בריטן —
מיר שפּאַנען באַנייעם אין וואַלד אינעם היגן
און הערן פון בינען דעם גאָלדענעם ניגון,
און האָרכן די קלאַנגען פון זילבערנע קוואַלן,
און קוקן, ווי טויען ווי פאַרביקע שטראַלן
אויף סאַמעט פון בלעטער, אויף פליושענע מאָכן — —
אָ, לאָמיר, מיין ליבסטע, זיך אויסטאָן פון יאָכן
פון שטאָטישע אַלע, פון שטייניקע, שווערע
און — לאָמיר מער זען דאָ, און — לאָמיר מער הערן — —
אָט זע, אינדערנאָענט, אין שאָטן פון ביימער,
אַ קו מעלה־גרה'ט — אַ מילדע בהמה;
מיט קערפער מיט בריטן, מיט אייטערס מיט פולע,

מיט אויגן מיט גרויסע — אַזעלכענע פרומע — —
און אָט איז אַ קליינע, אַ דיק־שלאַנקע יאָדלע,
מיט פרישע, מיט ווייכע, מיט דופטיקע נאָדלען ;
פאַרצווייגט אין אַ צווייטער — אַ הויכער, דיק־שטאַמיק ;
צוויי וואַלדישע ווענזנס — אַ קינד מיט זיין מאַמען . . .
און אָט איז אַ ווערוריק, מיט עק — אויפגעבויגן,
מיט אויערלאָך וואַכע, מיט פאָרזיכט אין אויגן ;
ער היפערט געאייליק — אַהיים שוין אוודאי :
עס איז שוין באַלד אָוונט אין יונישן וואַלד דאָ — —
עס איז שוין באַלד אָוונט — ווי דעמאָלט, מיין טרייע...
דער מערב דער גאָרער — איין שטראָמיקער פייער ;
און ס'קלעטערן שאָטנס צו ביימערשע שפיצן,
ווו פייגל אין נעסטן פאַרשטילטע שוין זיצן.
דער וואַלד ווערט פאַרשטילטער. אַ טונקעלער שווייגן
עס נעמט זיך צעוויקלען פון צווייגן צו צווייגן,
פון שטאַמען צו שטאַמען, פון איין זוים ביז צווייטן
און הילט איין די בלעטער, די גראָזן, די קווייטן — —
עס איז שוין באַלד אָוונט — — אין אונז אויך, מיין ליבע.
עס איז צו דער נאַכט שוין גאָר ווייניק געבליבן.
עס לעשט זיך די זון דאָרט, אין מערב — צעבלוטיקט.
עס לעשט זיך די זון באַלד אין אונז אויך, מיין גוטע — —
נאָר לאָמיר ניט וויינען און לאָמיר ניט קלאָגן —
נאָך נאַכט און נאָך פינצטער אויפסניי נעמט אויפטאָגן ;
און אויב ניט פאַר אונז שוין, די מידע, די אַלטע —
פאַר נייע, פאַר יונגע אַ זריחה צעשטראַלט זיך ;
אַ זריחה פון לעבן, פון ליבע, פון לידער — —
די זון זינקט אַרונטער, די זון גייט אויף ווידער — — —

דערמאָנונג

גערענקסטו נאָך דעם פרילינגדיקן אינדערפרי?
אַ פולער טראַם געפירט האָט אונז דורך גאַסן ענגע
צו רחבותן צו פעלדישע און גרינעם בלי —
אַ טאָג אַ גאַנצן אויף דער פריי צוזאַם פאַרברענגען.

פאַרשווונדן איז דער לעצטער מויער פון דער שטאָט
און ביידע מיר, אין פרייעם פעלד, אין גרין צעבליטן,
שפּאַצירן שוין, געאָרעמטע, מיט גרינגן טראָט,
מיט פנימער מיט מאַיאיקע, מיט בעז אין בליקן.

ווי שיין געוועזן ביסטו דאַן, אין לייכטן קלייד,
מיט האַלז און אָרעמס — אָפּגעדעקט, אַ בויגיק־שלאַנקע;
איך האָב אין גיין גערעדט צו דיר אַזעלכע רייד,
וואָס קומען נאָר אין שעה פון גליק אויף די געדאַנקען.

געצויגן האָט זיך מייל נאָך מייל אַ ברייטער וועג,
אַ זוניקער, באַזוימט מיט גראָזן מיט באַטויטע;
און אינדערוויטן, ביי דעם קלאָרן הימל־ברעג,
אין דינעם נעפּל איינגעהילט, אַ וואַלד געבלויט האָט.

אַריין מיר זענען הייטערע, אין אָ־דעם וואַלד,
די זון די בלאַנקע אין זעניט איז שוין געשטאַנען;
אַ טיפע שטילקייט האָט אונז דאָרט אָפּגעוואַרט,
און שווייגנדיק באַגריסט אונז האָבן הויכע שטאַמען.

אויף פוכיק־ווייכן מאָכן־טעפּיך פון דער ערד
געלייגט האָסטו זיך אַזאַ יונגע, אַזאַ פרישע;
און איך — לעם דיר; אין צאַרטן, פרילינגשן באַגער;
און — — ס'האָט אַ רגע, פול מיט וונדער, אונז פאַרכישופט.

אַ וווּנדערלאַכע, הייליק־לויטערע מינוט.
און, שטוינענדיק, מיר האָבן אָנגעבליקט זיך ביידע.
און, פול מיט חידוש, האָט צו אונז זיך צוגעקוקט
די ביימערישע, רונדאַרום צעשטעלטע עדה.

אַ פּאָזעמקע געזאַפּטיקט האָט ניט ווייט פון אונז
(געבליט האָט וואַלד מיט פּאָזעמקעס מיט זאַפּטיק־רייפע);
האָסטו פאַרשייט אַ הויב־געטאָן זיך און — אַ שפּרונג,
און איך — נאָך דיר, און צוויי פּאָר הענט, זיי צופּן, רייסן.

אַ שעה און מער. געגאַנגען איז דער טאָג זיין גאַנג.
צעווישן ביימער האָט גענומען לאַנגזאַם טונקלען.
און זון — אַ גרויסע פּאָזעמקע — צום מערב־ראַנד
אַליין נעענטער גענידערט האָט — אַראָפּגעזונקען.

און ווען פאַרנאַכט האָט זיך צעשפּרייט אין ראָז צעבליט
און ס׳האָבן שאָטנס אויסגעצויגן פינגער לאַנגע —
אַוועקגעבלאָנקעט האָבן מיר מיט מידע טריט
און צו אַ וואַסער אַ פאַרחלומטן דערגאַנגען.

אַ שיפל האָט גערוט ביים ברעג — מיט וועסלעס צוויי.
מיט פרישער קילקייט האָט געאָטעמט פון די גרונטן.
אַ ווינטל האָט אונז נאָכגעווייעט, שטיל באַגלייט — —
אַ שטערן האָט זיך אין די רוימען אָנגעצונדן — —

און זאַט מיט זון, און פול מיט ליבע און מיט גליק,
האָסטו מיך דאַן אַ פרעג־געגעבן: דאָס איז לעבן?
(ס׳איז אונזער שיפל אַליין געשוואומען, זיך געגליטשט).
— מיין מיידעלע! מיין קינדעלע! אַדאָס איז לעבן — — —

און היינט איז אָסיען. אַזאַ אומעטיקער טאָג.
איבערן הימל זעגען וואָלקנס גרוי צעהאַנגען.
די שטאָט, זי רוישט מיט יעדער גאַס, מיט יעדן ראָג
און — רוימט אַריין אין אויער מיר אַ וואָרט: פאַרגאַנגען.

פאַרגאַנגען לאַנג איז יענער טאָג, ווי אַלץ פאַרגייט,
ווי אַלץ אין וועלט אין אונזערער — פון פריסטע צייטן;
און בלייבן בלייבט אַן אָפּשיין נאָר פון ווייטער פרייד,
און בלייבן בלייבט אַן אָפּשיין נאָר פון גליק פון ווייטן.

עס נעגטערט זיך שוין דער פאַרנאַכט. איך זיץ אַליין
און די דערמאָנונג אין אַ שיר איך טו פאַרשרייבן;
און בליק דערביי ווי ס'נעמט דער טאָג אַלץ מער פאַרגיין
און — — ס'גייט אַ נאַכט אויף, קאַלט און טומנע, אויף די
שויבן — — —

עקסקורסיע

װער גאַרט עס ניט נאָך יונגן גרין פֿון גראָזן —
אין שטײן פֿון שטאָט פֿון שטױביקער פֿאַרשמידט ?
אױף אַן עקסקורסיע לאָמיר, פֿרײַנט, זיך לאָזן
(דורך װאָרט און שורה פֿון מײַן יידיש ליד).

אָט בליִען שױן די רחבֿותן פֿון לאַנען,
אָט בלױאיקט שױן דער הימלשער צעשפּרײט ;
די גרויע װאָך באַגלײט אונז נאָר ביז דאַנען,
דאָ נעמט אונז אױף אַ יום־טובֿדיקע פֿרײד.

דאָ פֿאַלן אָפּ די נױטן און די זאָרגן,
די פּײַן, די שרעק פֿאַרשװינדן מיט דער שטאָט ;
ס'איז מער ניטאָ קײן נעכטן און קײן מאָרגן,
ס'איז דאָ נאָר הײַנט — אין שטילן גבֿול פֿון גאָט . . .

אין גבֿול פֿון גאָט. אין אָרעמס פֿון זײַן זומער.
אָט ברענגט אונז באַן צו לעצטער סטאַנציע שױן.
מיר שטײַגן אױס. מיר זענען שױן געקומען
צו פֿעלד און באַרג, צו װאַסער און צו בױם.

טאָ לאָמיר גרינג אַ קלעטער אױפֿן באַרג טאָן
(באַגלײט פֿון פֿרישן פֿײגלשן געצװיטש);
אָט זענען מיר שױן אױף זײַן קאַרק זײַן האַרטן,
אָט שטײען מיר שױן אױף זײַן סאַמע שפּיץ.

מיר שטײען דאָ געאָרעמטע און אױגן,
פֿול טיפֿן גאַף, באַבליקן אַלץ אַרום :
אַ זון אַזאַ מין העלט אַראָפּ פֿון אױבן !
און אונטן טױאיקט אַזאַ גרינער גרונט !

אַ װינטל יאָגט זיך צו צו אונז דערװײַלע,
צעהױדעט בלעטער, גרעזעלעך צעװיגט ;
און דײַנע האָר און מײַנע זיך צעכװאַליען,
און דײַנע אױגן, מײַנע — פֿול מיט גליק.

מיר לאָזן זיך פון הויכן באַרג אַראָפּעט
און בליקן אַלץ — פּאַרוים, אויף לינקס, אויף רעכטס:
אָן, דאָרטן, שטייט אַ פּאַרמערישע שאָפּע —
צעבליצט אין זונליכט מיט אַ דאַך פון בלעך.

און אָנאָ, דאָרט, זיך ציט אין ווייט אַ וועגל —
צעווישן ביימער, שאָטנדיק פּאַרקלערט;
אַ מענטש עס זיצט דאָרט אויף אַ הויכן וועגל —
געשלעפּט פּאַמעלאַך פון אַ ברוינעם פערד.

באַנייעס אונטן, אין אַ טאָל אַ שטילן
(מיט בלומען־דופטן, בינישן געזשום);
אָט שלענגלט זיך אַ וואַסערל אַ קילער,
און גראָבע שטיינער הויערן אַרום.

און אָט — אַ קו, מיט גרויסע ראָזע אייטערס,
פון פּיסק פון אירן סלינע לאַנגזאַם רינט;
געאָרעמטע, מיר שפּאַנען ווייטער, ווייטער
און אין די הערצער פידלט און עס זינגט.

דער טאָג, ער האַלט נאָך אין זיין סאַמע מיטן,
אַ טאָג אין יוני — לאַנג און פול מיט בלענד;
מיר זעצן צו זיך — הונגעריקע, מידע,
מיר בייסן צו — אין שאָטן פון אַ דעמב.

איך לייג מיין קאָפּ אַרויף אויף קני אויף דיינע,
דיין האַנט, אַ צאַרטע, רירט מיין שטערן אָן;
די לופט איז דין און האָניקדיק און וואַיניק,
דער הימל — ריין ביז עקסטן האָריזאָנט.

איך ליג אַזוי, איך לאָז זיך פון דיר גלעטן
און — זופּ זיך אָן מיט זיסקייט פון דיין ליפּ;
און איבער אונז, פאַרבאָרגן אין די בלעטער,
אַ פייגעלע פּייפט אוים איין זילבע: ליפּ — —

אַזוי פאַרשווימען שעהן ליכטיק־העלע,
אַזוי דער טאָג, אין גאָלד אין זיינעם, גייט;
פון דיר אין מיר אַ גליק אַזאַ טוט קוועלן,
פון מיר אין דיר עס קוואַליקט אַזאַ פרייד — —

ביז פאַרבן זיך עס נעמען מערב־ברעגן
מיט פורפורנער זיך זעצנדיקער זון;
מיט ליבע זאַט, מיר נעמען זיך צעוועקן
און, שטוינענדיקע — בליקן זיך אַרום:

אַזאַ פאַרנאַכט אַרום אונז איז צעפינקלט,
מיט וואָלקנדלאַך קאָלירינקע אין רוים,
מיט שיין פון שקיעה אין אַ יעדן ווינקל,
מיט זונפאַרגיי אויף יעדן זאַנג און בוים.

עס פייפן נאָך די פייגל, אָבער שטילער,
עס פאָכעט נאָך אַ שמעטערלינג — שוין מיד;
און יעדער טאָל אין טונקל טוט זיך הילן,
און יעדער באַרג מיט אָוונט זיך פאַרציט — —

אָט איז די זון אינגאַנצן שוין פאַרגאַנגען,
אַ צונטערע, אין לאַנד פון נאַכט אַריין;
און ערד, זי ווערט מיט פינצטערניש פאַרהאַנגען,
און אויבעט אונז אַ חושכניש הילט איין — —

מיר הויבן אויף זיך פונעם באָדן ביידע,
מיר לאָזן זיך צוריקשפאַנען צום באַן;
ווי ערשטע פאָר, מיר שפאַנען פון גן־עדן,
פאַראומערטע, ווי זיי דאַן — מן הסתם — — —

דריי דערמאָנונגען

א

וואָס וואָלט איך איצטער ניט אַוועקגעגעבן
צו שטיין באַנייס, ווי דאַן, צו דרייצן יאָר,
מיט דיר צוזאַמען, טאָכטער פון מיין רבין
(בלויאויגיקע, מיט קאָפּ אין רויטע האָר),

אויף טרעפּ אויף יענע — שטיין ביינאַנד און גליען
אין ציטעריקן ערשטן ליבע־שפּיל;
מיט פינגער — צאַרט — באַרירן דיינע וויעס
און ביידנס האַרצקלעפּ הערן אינדערשטיל.

אַ שעה און מערער. ענג צונויפגעטוליעט.
פון חלום איינעם העלן איינגעלוליעט.
אין נאַכט פון פסח — ברוויזיק מיט באַגערן.

ווו — טאַטע־מאַמע! ווו — די שוועסטער־ברידער!
די גאַנצע ערד איז ערגעץ אינדערנידער.
און מיר — מיר פליגלען אויף די העכסטע שטערן.

ב

„אויב ניט איניינעם — לאָמיר בעסער שטאַרבן!" —
האָסטו מיט וויין צוויי בעכער אָנגעפילט.
פאַרנאַכט געווען איז. אין דער שויב געשפּילט
אַ שקיעה האָט מיט גליענדיקע פאַרבן.

געבליקט איך האָב מיט אימה אין מיין מראה
ווי וויין מיט סם דיין דינע האַנט מישט אויס:
אָט נאָך אַ רגע — אַלץ וועט ווערן אויס,
מיר וועלן ביידע אָפּקילן, פאַרשטאַרן.

און אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן
(ווי כ'וואָלט פון טויט געווען שוין איינגעביסן),
אַ ווילד געוואָי אויף מיינע אַכצן יאָר.

מיט אַ געלעכטער ביסטו צוגעפאַלן
צו גלידער מיינע קלאָגנדיקע אַלע
און — איינגעהילט אין וואַלד פון דיינע האָר.

ג

אָ, יענער זומער, אין דער ווייטער שטאָט!
ווי האָב איך דאַן, פאַרליבט אין דיר, געליטן!
נאָר דו, אַ שלעכטע, האָסט מיך אויסגעמיטן.
און ווען געטראָפן — אָפּגעבריט מיט שפּאָט.

נאָר איינמאָל, אין אַ זוניקן בייטאָג,
באַגעגנסט מיך מיט אויגן טרערן־פולע:
קום, נעם מיך ווּ, מיר ווילט זיך איצטער הוליען — —
און ס'האָט אַ דראָזשקע דורך דער שטאָט געיאָגט.

צו פעלדער־גרין געבראַכט — אַראָפּגעלאָזן.
מיר האָבן זיך געוועלגערט אין די גראָזן.
און דיין געוויין מיין ליפּ האָט אויסגעקושט.

וואָס איז עס דאַן געשען מיט דיר, דו שיינע?
פאַרוואָס דאָס „הוליען" און דערביי דאָס וויינען?
איך ווייס עס ניט — ווי דעמאָלט ניט געוווּסט.

אַ הויך געטאָן עס האָט מיט יענעם זומער

אַ הויך געטאָן עס האָט מיט יענעם זומער
אין וואַלד אַדאָ, אויף דיר, אויף מיר — אינצווייען.
מיט אונזער אָנקום זיך דערפרייען בלומען,
מיט אונזער אָנקום גראָזן זיך דערפרייען.

די ביימער, גרינע, זאָגן אונז ווילקאָמען
מיט בלאַט מיט יעדן — ווינטלדיק צעפליסטערט;
אַ וועווערקע עס ענטפערט אָפּעט אמן;
אַ שמעטערלינג מיט גרינגן פאָך באַגריסט אונז.

אָט איז אַ שטיין אַ קנייטשיקער, אַן אַלטער —
ער לאַדט אונז איינעט אויף זיין ברייטן רוקן.
מיר זיצן שוין. פון גאָרער וועלט באַהאַלטן.
און אין די אויגן, נאָנט אַזוי, זיך קוקן.

מיין צאַרטער פריינט! אין וואַלד מיר זענען ווידער.
עס העלט אַ טאָג אַ וואַרעמער, אין יוני.
די זעל ווערט פול מיט אָפּקלאַנגען פון לידער —
אַמאָל, אַמאָל אין אַזאַ וואַלד געשפונען,

אַמאָל, אַמאָל . . . געבליט האָט דאָן אַ זומער,
פול יוגנט־ברען און פלאַמענדיקער ליבע;
ער איז שוין וויט, שוין וויט אַזוי פאַרשוווּמען;
עס איז קיין שפּור פון אים שוין באַלד געבליבן.

מיר זענען ביידע מער ניט יונג און גליאיק.
אויף קעפּ אויף ביידנס פעדים גרויע שיינען
(ווי שפּינוועבסן אין אָסיען־אינדערפריען,
אין הוילן פעלד, אינלופטן — קיל און וואַיניק).

נאָר ס'איז דאָס פייער נאָך ניט אויסגעלאָשן;
עס טוט נאָך פלעמלען אין די הערצער ביידנס;
און ס'ריידן בליקן נאָך אויף ליבע־לשון
(און יעדער אבר אָפּט אַזוי טוט ריידן).

מיין טייערע! דיין האַנט מיר גיב, דיין אָרעם
און — וויג מיך איין, און — קוש אַרוים מיין טרויער;
איך וויל ניט איצטער טראַכטן פון קיין קברים,
פון בלינדער ענדע, נעענטער וואָס לויערט.

איך וויל אַצינד פאַרגעסן אַלע וואונדן,
וואָס פּלאָגן אונז אין לעבן אינעם שווערן;
צו זיין געגעבן מיר זענען נאָך געבונדן,
פונקט ווי זיין פיין מיר טוען נאָך געהערן.

אָט זע די זון אין טיף צעבלויטן הימל —
ווי גאָלדיק היינט, ווי גלעטנדיק זי שמייכלט;
אָט הער פון פייגל די צעקוועלטע שטימען
און אָטעם איין די וואַלדיש דינע ריחות.

אַ לופט אַזאַ מיין אַרום אונז עס קוואַליקט
פון גראָז און בלאַט, פון דומם און פון בריאה.
מיט אונזער סוד זיי גיסן אָן זיך אַלע,
מיט יענעם זומער אַלע זיך צעבליען — —

אַ הויך געטאָן עס האָט מיט יענעם זומער
אין וואַלד אַדאָ, אויף דיר, אויף מיר — אינצווייען.
מיט אונזער אָנקום זיך דערפרייען בלומען,
מיט אונזער אָנקום גראָזן זיך דערפרייען.

ס׳נאָגט מיך היינט

כי החיים יודעים שימותו.
ראה חיים עם אשה.
— קהלת

ס׳נאָגט מיך היינט אַ גאַנצן טאָג אַ געלער אומעט,
פאַר די אויגן גאָלד פון צווייגן וויגט זיך, שפּילט;
אין מיין אויער אין מיין מידן האַרבסטיק זשומען
קורצע פּסוקים פון קהלת — קלוג און קיל.

מידע פּסוקים, ווי דער פלאָפּל פון די בלעטער
אין אַ טאָג אַזאַ, ווי היינט, מיט דאַרבונג רייף,
ווען די זון אין בלוי אין טיפן לינדער גלעט שוין
און דער ווינט אין פעלד אין הוילן שאַרפער פייפט.

ליבסטע מיינע, מיידל־פרוי מיט לייב מיט דינעם,
ס׳נאָגט מיך היינט דער געלער וואָרעם פון פאַרגיין;
נעם פאַרוויג מיך, שלעפּער איין מיין זעל און זינען
מיט דיין יונגן, מיט דיין צאַרטן בלוט און ביין.

דעריבער זאָג איך

עס גריזשען אונז כּסדרדיקע זאָרגן,
ווי היישעריקן — זאַנגען אויף אַ פעלד;
מיר דאַרן איינעם, ווי אַן אַסיעך־מאָרגן,
ווען לעצטע בלעטער ליגן שוין פאַרגעלט.

עס נאָגן אונז כּסדרדיקע שרעקן,
ווי ס'נאָגט אַ צאָן אַ שפּיזלדיקער וויי;
די קעפּ מיט זילבער טוען זיך באַדעקן,
ווי ווינטער־באָדן — מיט אַ טוך פון שניי.

עס פּלאָגן אונז פאַרדראָסן כּל המינים:
אַ קרומער בליק, אַ וואָרט פון וועמען — קאַלט — — —
די פּנימער מיט קאַרבן זיך פאַרשפּינען,
די לייבער ווערן שלאַבעריק און אַלט.

דערלאָזן דאָס, מיין טייערע, אַ חטא איז,
געגנוג אָן דעם אי קראַנקייטן, אי נויט;
די גריזשעניש נאָך עלטער מאַכן ווערט אונז,
די נאָגעניש — דערנענטן מער דעם טויט.

דערלאָזן דאָס, מיין ליבע — אַ פאַרברעכן,
געגנוג אָן דעם אי עלנטקייט, אי וויסט;
די ערגערניש ווערט מער נאָך אונז צעברעכן,
דאָס פּלאָגן זיך ווערט ליימען הענט און פיס.

טאָ נעם זיך ניט, מיין איינציקע, צום האַרצן.
געווים איז שוואַרץ און פינצטער דער אַצינד.
דער שפּעטער אָבער — זיין ער ווערט נאָך שוואַרצער.
דעריבער זאָג איך: זאָרגן זיך — אַ זינד.

פיר סאָנעטן צו . . .

א

אַזויפיל יאָרן זאַלבענאַנד — אין עלנט,
אַזויפיל יאָרן זאַלבעצווייט — אין נויט;
אין ביידנס אויגן אָסיען טוט שוין העלן,
אויף קעפּ אויף ביידנס אָנהייב ווינטער גרויט.

און וואָס אַ טאָג, די ליידן ווערן האַרבער,
און וואָס אַ נאַכט — אַלץ פינצטערער די שרעק;
דו ציטערסט אָפּט, איך זאָל ניט פריער שטאַרבן,
און איך — דו זאָלסט בּעפאָר מיר ניט אַוועק.

וואָס קען מען טאָן? באַשערט אונז אַזאַ גורל:
צו אָפּלעבן אין זאָרגן און אין מורא,
צו פיינען זיך ביז צומאַך פון דער טיר — — —

טאָ לאָמיר ווייטער איינס דעם צווייטן היטן,
און טרייסטן זיך מיט אַ נחמה — ביטער:
פאַראַן אַ סך אין מאַטערניש, ווי מיר — — — —

ב

וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, מיין צאַרטער פריינט?
וואָס טונקלט זיך אַזוי דיין בליק, מיין ליבע?
דו קלערסט פון מאָרגן? בעסער האָב אין זינען היינט —
אַזוי, צי אַנדערש גרייט מען שוין די גריבער.

אַ שאָד אַ גרויסער יעדער טאָג, אַ יעדע שעה,
אַ שאָד אַ גרויסער יעטווידע סעקונדע;
גענים פון היינט — כל זמן ער איז מיט אונז נאָך דאָ,
גענים פון איצטער — ביז ער ווערט פאַרשוווּנדן.

ווי גרין דער בוים, ווי העל די זון אין מילדן בלוי,
ווי ווייך דאָס גראָז, ווי ריין און שטראַליק איז דער טוי —
גענים, גענים, מיין טייערע, וואָס מערער.

און גיב דיין האַנט מיר, האַרציקע, און גיב דיין ליפּ,
און זינגען זאָל אַ יעדער אבר: כ'האָ דיך ליב. —
אַזוי, צי אַנדערש וואַרטן שוין די ווערעם.

ג

אַליין אַ בלאַט אין אָסיענדיקן ווינט,
אַליין אַ גראָז אין דאַרבונג איינגעקלאַמערט —
באַוואַכסטו מיך, ווי איך וואָלט זיין דיין קינד,
באַהיטסטו מיך, ווי דו וואָלסט זיין מיין מאַמע.

אָן שוץ דיינער וואָס בין איך אויף דער וועלט?
אַ הינדעלע אין קאָרשונישע נעגל,
אַ לאַם אין קלעם פון הוילנדיקע וועלף,
אַ רויך אינלופט, אַ זעמדל ווו אויף וועגן.

אין פענט פון נויט פאַרטונקלען מיינע טעג.
און סם פון שנאה לייגט מיך קראַנק אַוועק.
און שווערד פון רשעות טוט אין האַרצן טרעפן.

מיט דיר צוזאַם איך צי נאָך ווי עס איז.
און פיר נאָך שטרייטן מיטן שוואַרצן ריז.
און שטויס אים אָפּ נאָך אויף אַ פולן טפח — —

ד

ווי ביימלאך צווייַ, פאַרפלאָכטן ווו אין פעלד
אין ווינטערשן — מיט ווייסן פראָסט פאַרוויטן;
מיר טוליען זיך, פאַרעלנט אין דער וועלט,
און זוכן שיצונג איינער ביי דעם צווייטן.

ווי היישעריקן, פרעסן קרענק און נויט,
מיט זאָרג און מורא שווערן די געמיטער;
אַ יעדער טאָג באַשאָטנט איז מיט טויט,
אַ יעדע נאַכט פאַרצאַנקט, ווי אין אַ מיטה.

און העלפן זיך — איז פעלן קרעפטן אויס.
און פריינט — ניטאָ. אין גלייכגילטיקן רויש
דאָס לעבן יאָגט — מיט מענטשן בלינדע, טויבע — —

איז בלייבט אונז נאָר צו ראַנגלען זיך ביינאַנד
דעם וועג דעם גאַרן — ביזן סאַמע ראַנד,
ביז לעצטער שעה — פאַרשריבענער „פון אויבן" — — —

פון אונזער היינט

עלעגיע אויף מיין חרובער היים

א

פֿאַרשווענקט האָט דיך אַ שלאַקסרעגן פֿון בליי,
פֿאַרשטראָמט האָט דיך אַ מבֿולדיקער פֿייער;
נאָר פֿון די אַשן העלסטו אויף אויפֿסניי,
און פֿון די גריבער גייסטו אויף באַנייעס.

די וווינונג — ענג, אין טונקל איינגעפּענט,
די קאמערלאך, מיט מעבלשטיקער — אָרעם;
נאָר פּאָליצעס און שאַפֿעס ביי די ווענט —
זיי שטייען פֿול מיט ביכער און מיט ספֿרים.

אַ קליינע, גרויע, אבֿיונדיקע היים,
דאָס עסן — מאָגער, שוך און קלייד — געמיין,
נאָר עושרדיק אין תּורה און אין תּפֿילה;

גייסט אויף אַזוי פֿון קבֿרדיקער נאַכט,
מיט מאַמע־טאַטע און מיט קינדער אַכט,
לעבסט אויף באַניים — אין ווערטער מיינע שטילע.

ב

אָט זע איך דיך, מיין אַלטע, פֿרומע מאַמע,
מיט קאַרבן טיפֿע פֿול איז דיין געזיכט;
נאָר אויגן פֿינקלען מיט אַ יוגנט־ליכט,
און גאַנצע טעג די דירה טוסטו ראַמען.

די טריבע נויט באַמיסטו זיך פֿאַרשיינען,
אין שבת — ווייס — פֿאַרוואַנדלען גרויע וואָך;
און קלאָגסט זיך קיינמאָל אויפֿן האַרבן יאָך,
און ווי פֿאַר ווילזיין, דאַנקסטו גאָט פֿאַר פּיינען.

אַזוי די טעג, אַזוי די יאָרן שווימען,
אין מי און גלייבן: ער, דער האַר אין הימל —
ער וועט נאָך שיקן זעט און רו פֿונהייך;

מנוחה־יענטע איז געווען דיין נאָמען. —
צי האָסטו דאָרטן, אין די בלינדע תּהומען,
צו דער מנוחה, מאַמע מיין, דערגרייכט?

ג

דו, פּאָטער, האָסט פאַרלאָזן אונזער וועלט
אין יאָרן יונג — אַ רב, אַ ראש ישיבה;
געהאַט אַ ווערטל אין דיין לערנער־סביבה:
ס׳איז בלאָטע די גימטריא פון געלט.*)

די ערד איז דיר אַ „פּרוזדור״ נאָר געווען,
צום „טרקלין״ האָסטו אַלץ געטאָן זיך גרייטן;
זיך אָפּגעשיידט פון חומרדיקע פרייַדן,
מיט וואָרט פון גאָט אַ לעבן אָפּגעברענט.

געפּאַסט הפסקות, אין די נעכט געוואַכט;
און, ביי אַ ליכט, אַ יעדע האַלבע נאַכט
אַ חצות אַ לאַנגן אָפּגעריכט מיט ציטער;

רב הערשעלע, מיט קאָפּ, מיט בערדל — בלאָנד.
בלויז אין מיין קינדהייט האָב איך דיך געקאָנט.
אַ גליקלאַכער — די גרוילן אויסגעמיטן.

ד

מיין עלטסטע שוועסטער, דו, יוכבד־ראָשל —
אַ שטילע טויב, מיט קוים געהערטן שפּאַן;
אַ קענערקע אין חומש און אין רש״י,
מיט משנה און אגדה היפּש באַקאַנט.

געשריבן בריוו, באַווירצטע מיט משלים
צו מיר, אַהער — פאַרוואָגלט פונדערהיים
(איך פלעג זיי לעזן און — האָב אָנגעקוואָלן;
און איצט, אַמאָל — איך לעז זיי מיט געוויין).

געהאַט אַ מאַן פון די חב״ד, אַ תמים
(יהושע־אייזיק איז געווען זיין נאָמען);
געהאַט אַ טאָכטער — בליענדיק און שלאַנק;

איין צימערל אין אונזער הויז פאַרנומען;
געלעבט אַדאָ אין אָרעמקייט אין פרומער; —
ביז הייליק־לעצטן קרבנדיקן גאַנג — —

---

*) געלט איז אַ בלאָטיקע, שמוציקע זאַך.

ה

מיין עלטסטער ברודער. משה־יוסף ליבער —
מיט מילדן בליק, מיט פנים — איידל־דין;
אויך דיך, דיין פרוי, דיין גאַרן הויזגעזינד
האָט נאַצי־שד פאַרשאָטן אין די גריבער.

דיך האָט ליובאַוויטש נסתרדיק דערצויגן,
(אויך אָנגעזונט מיט ניגלהדיקן שיין);
געקענט האָסטו אַ רב, אַ רבי זיין,
נאָר אונטער עול פון האַנדל זיך געבויגן.

געהאַט אַ קלייטל אין אַ שטעטל — קליין,
אין ליטע־לאַנד — אויף זאַמדיק־פלאַכן פליין;
געפאָרן אָפט קיין קאָוונע קויפן סחורה;

אָט זע איך דיך אין אונזער היים — אַ גאַסט,
אָקאָרשט אַריין — צוריק שוין איילסטו אין גאַס:
דעם אויטאָבוס פאַרזאַמען האָסטו מורא.

ו

מיין ברודער חיים — לעבעדיקער יונג!
אויך דו, אַ קלויזניק, האָסט זיך אָנגעלערנט;
נאָר פון דער קלויז געפעלן איז דיר מערער
אַ יום־טובֿל, אַ ריקודל, אַ זונג.

געוואַנדערט פיל בעתן בירגערקריג —
נאָך אין דער פרומער היימישער הלבשה;
נאָר ס'איז דיר שוין געווען עפּעס קשה,
גענישטערט האָט שוין אַנדערש־וואָס דיין בליק.

אין שטאָט כערסאָן געשטעקט מיר האָבן יאָרן.
אַ פריידענקער דו ביסט אַדאָרט געוואָרן.
אַ דאָרשטיקער, זיך צוגעכאַפּט צום נייעם.

אין צוויי און צוואַנציק. טיפוס האָט געשניטן.
האָט דיך די פּלאָג אין שטאָט ראמען פאַרשניטן.
און דאָרטן רוסטו, האַרצעדיקער חיים.

ז

מיין ברודער אַרקע — וויצלדיק און קלוג,
נאָך אין ישיבה שולמאַנען געבלעטערט,
מיט גאָרדאָנען, מיט מאַפּון זיך געזעטיקט,
געטרונקען גיריק פון השכלה־קרוג.

מליצהדיק די פעדער אויספּרובירט;
נאָר צו אַ „תכלית" ניכטער זיך געריסן
(„בכבודיק פאַרדינען ברויט אַ ביסן");
און — בוכהאַלטעריע גרונטיק אויסשטודירט.

געקלערט שוין דעמאָלט פון אַ פרוי און קינדער;
נאָר פול איז וועלט מיט מערדער און מיט צינדער,
מיט האַס און קריג, מיט פייניקונג און הערגענונג;

אין שטאָט ראָמען, ווו ברודער חיים אייביקט,
דאָרט ליגסטו אויך (אַוודאי שוין צעשטויביקט),
דאָרט רוסטו אויך — אַ בערגל לעם אַ בערגל.

ח

אברהם־ברוך — צאַרטער ברודער מיין!
אַ „וועלטלאַכער" און — אויך אַ רעליגיעזער;
אין גפ"ת קלאָר, מיט היינטיקס אָנגעלעזן;
ווי גרויליק שנעל דיין זיין האָט אָפּגעשיינט.

גאָר יונג אַ פרוי און קינדער שוין געהאַט,
געמיט זיך שטיל אין ליטווישן מזרחי;
פּאַרזוניקט אָפטמאָל גרויע אינדערוואָכנס
דורך דרוקן „זאַכן" אין אַ קאָוונער בלאַט.

געדרוקט אונטערן פּעך־נאָמען „אב"ג" :*)
אַ מיניאַטור, אַ מאמר — צימצומדיק;
איןביידע שפּראַכן אונזערע געשריבן — —

ביז קוילער־דייטש פאַרהויבן האָט די האַק,
פאַרשניטן דיך, דיין היים, דיין גאַנץ גליק
און — — ס'איז קיין שפור פון אַלע אייך געבליבן.

*) אב"ג — אברהם־ברוך גאָטליב.

ט

אָ, יאַנקעלע — פּאָעט און עסייאיסט!
געכאָוועט האָסטו אונזער מאַמע־יידיש
אין ערלאכע, אין האַרצעדיקע לידער,
אין שיינער פּראָזע — פרילינגדיק און פריש.

געטרוימט האָסטו פון אונזער אייגן לאַנד,
גערינען זיך פון ליטע־ערד פון גרויער;
נאָר אָנגעשטורעמט האָט דער קריג־שגעון —
אַריינגעשליידערט אין אַ ווייטן קאַנט.

אויף עלנטקייט, אויף הונגער־פּיין, אויף קרענקען,
אויף צאַנקען יונג, אין אויסוועגלאָזן בענקען,
אויף ווערן פרי, צו דרייסיק פיר, פאַרמעקט.

פינף ביכער, ברודער, זענען דיין ירושה,
אָפט ווילט זיך מיר אַ יעדן בלעטל קושן —
דיין ליכטיקן, דיין הייליקן פאַרמעג — — —

י

און אייזקע, דו, מיזינעק אינדערהיים,
מיט קאָפּ מיט שטאָלצן, מיט אַ האַרץ אַ בראַוון;
פון קליינוויז אָן מיט פרייהייט זיך געחברט,
געשטרייט פאַר יושר — אָפן און געהיים.

אַ יינגל נאָך — אַוועק אין ווייטער וועלט,
און אומעטום — געקניפּט זיך מיט רעבעלן;
בערלין, פּאַריז, ביז פירינייער שוועלן;
און קעגן פראַנקאָן אין מאַדריד געברענט.

און ווען דער דייטש איז אונזער פאָלק באַפאַלן,
די היים פאַרוויסט, מיליאָנען אויסגעחלפט —
האָסטו זיך, ברודער, קעגן אים געשטעלט.

אָ, יונגער, דרייסטער, מאַכטיקער מכבי!
אויך דיך פאַרשטראָמיקט האָט דער ברוינער מבול.
מיט ביקס אין האַנט געפאַלן ביסט — אַ העלד.

יא

און איך — דער לעצטער פונעם גאָטליב־שטאַם,
פון קליינווייז אָן פון אייגענע פאַרוואָגלט;
מיט נויט און קרענק ביז ראַנדן אָנגעלאָגלט,
מיט עלנטקייט — אויך אינעם היגן לאַנד.

צוויי וועלט־מלחמות דורכגעגליט ביז ביין,
אַליין געבלוט, געזען מיליאָנען בלוטן;
געזען אַ וועלט אין פּענט פון די ניט־גוטע;
און — לעב נאָך אַלץ — — אַ רעשטל פון דער היים.

איך לעב נאָך אַלץ. נאָכוואָס? איך ווייס עס ניט.
צו אויסקלאָגן נאָך אַלע אייך אַ ליד?
צו שטעלן אייך סאָנעטישע מצבות?

ווייזט אוים אַזוי. ווייל וואָס דען האַלט מיך דאָ,
אין וויסט, אין בראָך, אַ יעדן טאָג און שעה,
מיט גרוב אין אויג, מיט נאַכט אין יעדן אבר? — — —

יזכור

פון חושך־טאָלן קומט איר צו מיר אָן,
אין שיין פון לעבן ווידער אָנגעטאָן,
ווי כ׳האָב אייך אַלע, טייערסטע, געקענט
אין פרומער היים — פאַר גרויליקן פאַרלענד.

פון אַש פון גרויעם העלט אויף דיין געזיכט
אָ, מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט;
און שוועסטער, די — אַ צניעותדיקע טויב;
און ברידער, איר — אין גאָט און מענטש פאַרגלויבט.

בין ווייט געווען, ווען שד האָט אייך געפאַקט,
און אייער זיין פאַרשניטן האָט זיין האַק.
איצט איז מיין זעל אַ לאָגל, פול געוויין:

פאַרוואָס בין איך מיט אייך דאָן נים אַוועק
צו בלינדער גרוב דעם היילק־לעצטן וועג?
נאָכוואָס געבליבן — אויסגעשטאַמט, אַליין?

ווי העל איז היינט

ווי העל איז היינט, ווי זוניק־בלענדיק אויף דער ערד,
ווי בלוי איז היינט, ווי ליכטיק־לויטער אין די רוימען;
אין גרין אין יונגן הויכן זיך די קעפּ פון בערג,
אין צווייט אין פרישן צירן זיך די בערד פון ביימער.

ווי לופטיק איז היינט אונטער הימלשן קופּאָל,
און רחבותדיק עס קרייזן זיך די האָריזאָנטן,
און גראָזיק־זאַפטיק יעדער באַרג איז, יעדער טאָל,
און בלומיק־פאַרביק יעדער פליין איז, יעדע לאָנקע.

און איך, אַ לייכטער, אָנגעקוועלט מיט בלי און ליכט —
איך שפּאַן אַרום אויף זייטיקע, אויף שטילע וועגן
און ריטעם אוים אין גאַנג אין מיינעם אַ געדיכט,
אַ זמר — פריידיק — צום אויפסניי צעבליטן לעבן.

און פּונקט אַצינד, אין אָ־דער שעה פון פרייד און גליק,
עס זיצן מענטשן אָנגעפּאַקט אין טורמעס גרויע
מיט פנימער פאַרוואָלקנטע, מיט בליי אין בליק —
אין גאַרעניש נאָך גרינער ערד, נאָך הימל בלויעם.

און פּונקט אַצינד, אין אָ־דער שעה פון בלוי און גרין,
עס זיצן מענטשן אָנגעשטאָפּט אין ענגע שעפער
מיט קעפּ — געבויגן צום געראויש פון דער מאַשין,
מיט הענט און פינגער — איינגעשפּאַנט אין עול פון שטעפּן

און פּונקט אַצינד, אין אָ־דער שעה פון רו און זעט,
עס טרייבן אום זיך דאָ און דאָרט אויף הפקר־וועגן
המונים־פליטים — הונגעריק, אָן דאַך, אָן בעט,
געברענט פון זון, געשמיסענע פון ווינט און רעגן.

און ערגעצווו אַ גוף געטראָטן ווערט אָט איצט,
אַ מענטשיש גוף אַ נאַקעטער — אין קלעם פון קוילער;
און ערגעצוו אַ שאַרפער שאָמפּאָל זיך צעבליצט
און — שניידט אַריין זיך אין אַ פּלייצע אין אַ הוילער.

און ערגעצווו האַרמאַטן ברומען גרוילִיק שווער,
שראַפּנעלן פּלאַצן, באָמבעס ווערן אויפגעריסן;
און אַלע ווײַלע עמעצער פאַרווונדעט ווערט,
און אַלע ווײַל ווערט עמעצער אויף צוויי צעריסן.

און אין שפּיטעלער, אין יסורים אײַנגעשמידט,
זיך קאָרטשען קראַנקע, מיט געזיכטער — בלײַכע שאָטנס;
און טויט, ער שטייט בײַ יעדער בעט — ער שטייט און היט
אַ לעצטן בליק, אַ לעצטן ריר, אַ לעצטן אָטעם.

און נאָך, און נאָך — — אָ, וויפל, וויפל זענט איר דאָ,
פאַרמשפּטע אויף אַלערלייע האַרבע פּײַנען,
אין איצטיקער, אין שייניקער, אין גרינגער שעה,
אין שעה פון פרייקייט און פון יום טוב און פון תענוג.

צו אײַך צו אַלע ווענדע איך מײַן וואָרט אַצינד,
צו אַלע אײַך — אין נעץ פון אומגליק אײַנגעשפּונען:
פאַרגיט מיר, ברידער, פאַר דער שעה פון בלוי און גרין,
פאַרגיט מיר, שוועסטער, פאַר די רגעס — לויטער, זוניק.

און זאָל זיך פולן העלער כוס פון מײַן געמיט
מיט שוואַרצן סם פון אײַער גורל אײַער שווערן;
און פול זאָל ווערן די מתיקות פון מײַן ליד
מיט ביטערניש פון אײַערע צעשטראָמטע טרערן.

אַז ניט מלחמות

אַז ניט מלחמות, געטאָס און קאַצעטן —
איז פעלן דען געפּלאָגן אויף דער ערד?
קום אין שפּיטעלער, זע, ביי וויפל בעטן
דער טויט, פאַרטייעט, פינקלט מיט זיין שווערד.

גיי אין די געסלאַך ענגע, אויסגעדרייטע,
אין בלינדע קעלערס — ווייסטו דאָרטן זען:
די פּנימער, פון נויט און זאָרג פאַרגרויטע,
די רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

און דו אַליין, אויף אָרעמקייט פאַרמשפּט,
אין קלעם פון קרענק, אין עלנטקייט און וויסטער,
אַ יידיש־דיכטער מיט פאַרשעמטן שיר;

אָ, וויפל מאָל, אין תהום פון פּיין פאַרפאַלן,
דו שיקסט, פאַרצווייפלט, עס־אָ־עס־סיגנאַלן,
נאָר טויבער מדבר הויערט אַרום דיר.

די תפילה פונעם אָרעמען גר

ואהבתם את הגר.
וחי אחיך עמך.
חומש.

אויף ווייסטע וועגן וואַנדערט מיין געוויין,
אויף הוילע פֿליינען אַסיענט מיין געביין,
און ווו איך גיי, און ווו איך קום צוגיין
מיט ווייב און קינדער —

סע שטייען טירן, פֿענצטער צוגעמאַכט,
ניטאָ פֿאַר מיר קיין ברויט, קיין בעט, קיין דאַך,
און ס'לוגט אויף מיר דער טויט, און ס'לויערט נאַכט
אויף ווייב און קינדער.

אַזויפֿיל ערדן אומעטום צעשטרעקט,
מיט פֿעלד און לאַן, אין זאַנגען איינגעדעקט,
מיט בוים און בייט, מיט פֿרות אָנגעשטעקט —
פֿאַר מענטשנס קינדער;

און איך — אַן אוממענטש, איך — אַ וואָס־אין־קאָרט,
אין קיינעמס לענדער — דאָרטן איז מיין אָרט,
און פֿלינדערער — זיי טרייבן אויך פֿון דאָרט
מיט ווייב און קינדער.

עס זיצט דער פֿויגל אויפֿן צווייג אין נעסט,
עס איז דער זומפּ אַ דירה פֿאַר די פֿרעש,
עס האָט דער בער זיין נאָרע און זיין פֿרעס
מיט ווייב און קינדער; —

און איך — אַ בלודנער, הפֿקרדיקער ווינט,
אַ ביין אין פּיסק פֿון ציינערדיקע הינט,
אַ פֿליג אין קלעם פֿון זוויגנדיקער שפּין
מיט ווייב און קינדער — —

אָ, האַר אין הימל! אויב דו ביסט פֿאַראַן
און ליב איז דיר דער גר, דער אָרעמאַן —
צי אויס אַ האַנט און נעם מיך צו פֿון דאַן
מיט ווייב און קינדער.

ווער דאַרף

ווער דאַרף אַצינד אַ ליד — אַ לחשדיקע תפילה?
ווער דאַרף אַצינד אַ וואָרט אַ ציטעריקס, אַ שטילס?
אַז טרערן שטראָמען איצט, ווי וואַסערן אין פרילינג,
אַז יעדער טאָג איז איצט אין חושכניש געהילט.

אַ זינד איז דיכטן היינט לבנהדיקע שורות,
אַ זינד איז שרייבן היינט פון הימלדיקן בלוי,
אַז הכל טרינקט זיך אַלץ אין טייכן פון יסורים,
אַז קין מאָרדעט אַלץ אין וואַלדישן געוואָי.

אין טעג אין איצטיקע מע דאַרף אַ ליד אַ נייעם,
אין טעג אין איצטיקע אַ פרישן וואָרט מע דאַרף,
אַ ליד אַ דונערדיקס פון מעכטיקן ישעיה,
אַ וואָרט פון עמוסן אַ בליצנדיקס, אַ שאַרפס.

אַז צינדן זאָל דאָס ליד אין הערצער פון המונים
דעם פייערדיקן דראַנג נאָך פרייהייט און נאָך רעכט,
און פירן זאָל דאָס וואָרט אַקעגן בייזן שונא
אין לעצטן מוטיקן, אַנטשיידענעם געפעכט.

ירושה

לזכר מיין פאָטער רב הערשעלע ז״ל.

ניט געלט, ניט גיטער, ניט געשעפטן,
ניט האָרעפּאַשנע, האַרטע הענט;
אַ קליינער גוף מיט קנאַפּע קרעפטן
און אויפן גוף — אַן אָרעם העמד.

און פּים — געניט אין גאַנג, אין וואָגל,
אַ בליק — צו וויטן צוגעשפּינט;
אַ האַרץ — ביז ראַנדן אָנגעלאָגלט
מיט וועגן־שטויב, מיט הפקר־ווינט.

אַ האַרץ אַ שווערס, ווי דיינס, מיין טאַטע,
אַ לייב, ווי דיינער — ליידן־זאַט;
פון שטאַם דיינעם אַ צווייג אַ מאַטע,
מיט אַסיען־גל אין יעדן בלאַט.

נאָר דיך, מיין פאָטער, האָט אַ גלויבן
אַ דורותדיקער העל באַוואַכט;
פאַרטאָג צו תפילה אויפגעהויבן,
פאַרוויגט מיט לויב אין טיפער נאַכט.

און איך, אַ שפּראָץ פון דיינע דיכן,
פון בוים דיינעם אַ צאַרטע צווייט —
וואָס טו איך אויף דאָ מיט מיין דיכטונג?
וואָס טו איך אויף דאָ מיט מיין ליד?

דיין הימל איז פאַר מיר שוין ליידיק
און לאָקט שוין מער ניט מיין געדאַנק;
און דיין פאַרשפּראָכענער גן־עדן —
ער איז פאַר מיר פאַרמאַכט פונלאַנג.

דאָ, אויף דער ערד, איך זוך אַן אָנהאַלט
פאַר לייב און ווײ, פאַר זעל און פּיין;
נאָר אומעטום עס לוגט סכנה,
און איבעראַל עס דראָען פיינט.

דאָ, אויף דער ערד, איך פּרוּוו געפינען
אַ תיקון פאַר מיין הויכן טרוים;
נאָר ווו איך גיי, עס ברויזט מיט שנאה,
און ווו איך קום, מיט בייזקייט שוימט.

פאַר דיר האָט כאָטש די וועלט פון צוקונפט
געשיינט — אַ טרייסטנדיקע זון;
און איך, אין לענדער, פול פאַרצוקונג —
איך וואָגל, ווי אַ גילגול, אום.

אָך, ווי מקנא בין דעם בויער,
וואָס קנעט זיך ליים, אַ היים זיך בויט;
אַך, ווי מקנא בין דעם פּויער,
וואָס גראָבט זיין פעלד, פאַרזייט זיין ברויט;

פאַר זיי דער ציל פון לעבן קלאָר איז,
ווי קלאָר עס איז פון טאָג דאָס ליכט;
פאַר מיר דער לוין פאַר בלודנע יאָרן
אַ דאַכלאָז וואָרט, אַ היימלאָז ליד — —

נאָר אויב איך קען ניט זיך באַפרייען
פון דיין ירושה, פאָטער מיין,
און ס'איז באַשערט מיר מיט כלי־זיין
פון וואָרט און ליד באַוואָפנט זיין; —

טאָ זאָל מיין וואָרט כאָטש זיך פאַרמישן
אין בויערס ברוינעם, שטייפן ליים,
און זאָל מיין ליד מיט טוי באַפרישן
דעם פּויערס אויפגעגרינטן פליין — — —

דער מויער

די ליטווישע חלוצים א דערמאָנונג.

אַן אַלטער מויער, איינאַליין אין פעלד,
באַוווינט האָט אים אַ רייכער ייד, אַ פּריץ;
איצט האוועט דאָ אַ קאָלעקטיווע וועלט,
איך טו אַהער פון שטאָט פון נאָנטער פאָרן.

איך פאָר מיט באַן, דורך לאַן און פליין און וואַלד,
באַהאָנגענע מיט פאַרבנפולן אָסיען;
און אָט זיך ווייזט אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל,
מיט הימלבלוי און זונענגאָלד פאַרגאָסן.

איך גיי אַראָפּ, פאַרנעם זיך אויף אַ וועג
צעווישן ביימער ליכטיקע, פאַרקלערטע;
איך שפּאַן אַוועק און, שפּאַנענדיק, זיך וועקט
אַ ליד אין מיר אַ פרומע, אַ צעהעלטע.

אַרום איז שטילע פעלדערישע ברייט,
און וור־ניט־ווו — אַ פויערישע כאַטע;
און ווו־ניט־ווו אַ שייער אָפּן שטייט,
מיט זאַנגען פול מיט דופטיקע, מיט זאַטע.

איך שפּאַן זיך מיר. דער וועג איז הויך באַשיט
מיט וועלקע בלעטער — טרוקן און קאָליריק;
דאָס ליד אין מיר — עס הויבט זיך אָלץ, עס בליט
און — נעמט זיך שוין אויף צונג אויף מיינעם שפּירן . . .

נאָר אָט, אינווייט, דער מויער זיך באַווייזט,
זיך שיילט אַרוים מיט דאַך און ווענט און פענצטער;
און דורך זיין טיר, אַ רוישיקער, זיך רייסט
דער קאָלעקטיוו — פון עלטסטן ביזן קלענסטן.

דאָס האָט מען מיך פונוויטן שוין דערקענט —
איז איילן אַלע אויפנעמען דעם אורח;
אין אַ געפלעכט פון אַקסלען און פון הענט
מע לאָזט זיך טאַנצן אַרום מיר אַ הורא.

מע טאַנצט אַזוי אין מויער שוין אַריין,
דאָס ליד אין מיר — איך נעם עס איצט פאַרגעסן;
ס'איז מיטאָק־צייט. אין קיך, מיט אַלע פריינט,
איך זעץ זיך צו געשמאַקע קניידלאַך עסן.

איך עס זיך אָן, איך זופּ זיך אָן מיט טיי
און גיי אַרויס דעם היגן גוט באַאבליקן:
די שאָפּע פול איז ביזן דאַך מיט היי,
דאָס ברויט אין שייער ביז דער טיר טוט ליגן.

די ערד אַרום איז אָפּגעשאָרן, לער
און, ערטערווייז, אויף ווינטער שוין פאַראַקערט;
און דאָ, און דאָרט אַ קליאָן, אַ דעמב, מיט בערד
אין מילדער זון, אין האַרבסטיקער — צעפלאַקערט.

איך דריי זיך אום איבערן הויף און קוק,
איך קום אַריין אין קי־שטאַל, אין סטאַדאָלע;
עס ווייזט מיר דן אַ יעדע קאַלב און קו,
עס ציינט מיר צבי די סוסים, די עגלות.

איך טו מיט רבקהן אויף אַ פערד אַ רייט,
איך טרינק אים אָן אין טייכל אין פאַרטראַכטן;
און אָט אַזוי פאַרגייט אַזוי די צייט,
און אָט אַזוי דער טאָג פאַרגייט און — נאַכט ווערט.

אין מויער־קיך אַ לעמפּל פלעמלט אויף,
דער דיל, די ווענט — זיי נעמען זיך דאָ וויגן:
מע קומט זיך איצטער פון דער מי צונויף,
מע וועטשערעט, מע דיסקוטירט, מע ניגונט.

די לופט זיך בלויט פון פּאַפּיראָסן־רויך,
און לייבקע קלאַפּט אַ לעפל אָן אַ טעלער;
און איך, צוזאַם מיט אַלעמען, זיץ אויך
ביים ברייטן טיש און — אַלץ איז מיר געפעלן.

אַזוי אַ שעה זיך קייטלט אין אַ שעה,
ביז האַלבע נאַכט מיט הענער זיך צעקרייעט;
דאַן ווערט דער מויער איינגעהילט אין שלאָף,
און אויבעט איך שוין ליג אין בעט — מיט צווייען:

מיט מאירן און אַרקען — זאַלבעדריט;
און שלאָף באַלד איין — אַ שלאָף אַ וואַרעם־זיסן . . .
און ווען פאַרטאָג אין מזרח זיך צעבליט,
איך בין שוין וואַך — אַ הייטערער, אַ פרישער.

איך הויב זיך אויף, איך טו אַ בליק אין שויב:
די ערד, זי ליגט מיט ראָזן טוי באַוואַשן;
אין הימל־הייך אַ העלע זון זיך הויבט;
און ס'טרייבט שוין דב די סטאַדע אויף דער פּאַשע.

עס הייבט זיך אָן אַ טאָג פון נייער מי,
און אויבעט איך די הענט זיך נעם צעפירן:
איך פּאָר מיט מלכן נאָך מעל אין מיל,
איך טו מיט אַלטערן דעם טראַקטאָר פירן.

איך קאָרמע אָן די עופות און דעם הונט,
און גראָב אין גאָרטן אָן קאַרטאָפל נייעם;
און פּאָמפּע וואַסער אָן אַ פולע טון;
און העלף אין קיך עדינהן מאַכן פייער.

דער טאָג דערווייל, אַ לויטערער, פאַרגייט,
אַ נייע נאַכט קומט אָן אויף שאָטנס לאַנגע;
די קיך ווערט פול מיט טומל און גערייד,
עס נעמט באַניים דאָ הילכן מיט געזאַנגען.

מע זיצט באַנייעס אַרום ברייטן טיש:
מע וועטשערעט, מע דיסקוטירט, מע לידערט;
און אויכעט איך; איך זיץ דאָ און געניס
די פרייד פון יונגע האָרעפּאַשנע יידן.

און אָט אַזוי אין מויער, וואָס אין פעלד,
איך טו אַ טאָג, איך טו אַ וואָך פאַרווײלן,
און זעגן אָפּ זיך מיט אָ־דער־אָ וועלט,
און שפּאַן אַוועק מיט פעלדערישע מײלן.

איך שפּאַן צוריק צום סטאַנציע, צום וואָקזאַל,
עס וואַרט אויף מיר די שטאָט די שטייניק־גרויע;
נאָר ס׳פאָלגט מיר נאָך — אַ קלינגענדיקער קוואַל —
דאָס פרייד־געזאַנג פון קאָלעקטיוו אין מויער.

און כ׳גיי אין וועג מיט אָ־דער פרייד באַהעלט,
און ס׳ליד אין מיר — עס נעמט אויפסניי זיך וועקן;
און פערז נאָך פערז פון טיפן האַרצן קוועלט — —
ביז לעצטער פערז — ער טוט זיך פריידיק עקן — — — —

אַ תּפֿילה אין אַלולדיקן פֿעלד

איך קום אויפֿסניי אין גבול אין דיינעם, גאָט,
אין שטילן גבול פֿון ביימער און פֿון גראָזן;
איך בין אַהער פֿון שרייאיק־האַרטער שטאָט
צעבראָכן, קראַנק אַנטרונען בחיפּזון.

בין קראַנק פֿון נויט, וואָס נאָגט מיך נאָכאַנאַנד.
פֿון זאָרג און שרעק, וואָס גריזשען מיך און פֿרעסן;
פֿון קעלט און גלייכגילט אויף אַ יעדן שפּאַן,
פֿון וויסטע טעג, פֿון מדבּרשע מעת־לעתן.

נעם אויף מיך, גאָט, נעם אויף דיין עלנט קינד —
אַן אַלטן שוין, מיט שלייפֿן אויפֿגעגרויטע;
איך וועל זיך לייגן אויף דיין באָדן — גרין,
אַריינבליקן אין רוים אין דיינעם — לויטער,

און זאָל אַ צווייג צעוויגן איבער מיר
די בלעטער זיינע, טויעדיק באַפּייכטע;
און זאָל אַ ווינט מיט זיידענעם באַריר
מיין מידע האַרץ מיין שווערע מאַכן לייכטער.

ווי שיין דיין וועלט, ווי וווּנדערלאַך זי איז,
אויף יעדן קער — אַוווּ מיין בליק עס פֿאַלט נאָר;
אָט הויכט אַ באַרג זיך אינדערווייט — אַ ריז,
מיט זונענליכט מיט העלן אַ באַשטראַלטער.

אָט איז אַ טאָל, אין זאַנגען איינגעדעקט —
דיין שפֿע, גאָט, וואָס וואַרט שוין אויפֿן שניטער
(ס'איז אָנהייב אלול און די לופֿט, זי שמעקט
מיט ענדע זומער גינגאָלדיק צעבליטן).

און אָט אַ וואָלקן שווימט זיך אינדערהייך —
אַ ווייסע שיף אין בלויע הימל־יימען
(פון וו איך ליג, אויף בעט פון מאָכן — ווייך,
איך פּאָלג אים נאָך, איך שווים מיט אים צוזאַמען).

ווי שיין דיין וועלט, ווי וווּנדערלאַך, מיין גאָט,
נאָר פול איז זי מיט בייז פון שלעכטע מענטשן;
איך בין דערפאַר אַנטרונען פון דער שטאָט —
דו זאָלסט מיך דאָ מיט דיין מנוחה בענטשן.

צעבראָכן בין און — גאַר אַזוי נאָך רו,
פאַרלאָרן בין און — לעכץ אַזוי נאָך תּפילה;
דערהערן זאָלסטו, גרויסער האַר, מיין רוף,
פאַרנעמען זאָלסטו מיין געבעט מיין שטילן.

איך בעט דיך דאָ ניט נאָר פאַר זיך אַליין —
איך בעט פאַר יעדן מיט אַ האַרץ אַ שווערן;
פאַר יעטווידן, וואָס ווערגט זיך מיט געוויין
און — קיינער וויל ניט זיין געוויין דערהערן.

פאַר יעדן איינעם, איינגעפּענט אין פּיין,
פאַר יעטווידן אין נויטן און אין זאָרגן;
פאַר זיי, מיין האַר, פאַרוואָלקנט איז דיין היינט,
פאַר זיי, באַשעפער, טונקל איז דיין מאָרגן.

זיי זענען, בורא, אומעטום פאַראַן,
אין יעדן אָרט — סיי פול מיט זעט, סיי אָרעם;
שטרעק אויס צו זיי, אַ הילפיקע, דיין האַנט,
באַשיצן טו זיי מיט דיין שטאַרקן אָרעם.

און פֿאַר מיין פֿאָלק באַזונדער דיך איך בעט —
אין בלוט אַזויפֿיל אייגענעם דערטרונקען,
אין קרעמאַטאָריעם דייטשישע פֿאַרברענט.
צעאַשט אויף פּוילנס און אויף ליטעס גרונטן.

באַנייט האָט ער זיין אַלטן וויסטן לאַנד,
זיין היים זיין אַלטע אויפֿגעריכט באַנייעם;
נאָר ווידער הויערט אַרום אים אַ וואַנט
פֿון ווילדער שנאה, פֿון רציחה — חיה׳ש.

אָ, העלף אים, גאָט! און העלף אַ יעדן פֿאָלק,
וואָס ליידט אַזוי פֿון שנאה און רדיפֿה,
וואָס פּיינט זיך ווו, אין קנעכטונג איינגע׳עול׳ט,
וואָס טרינקט זיך ווו אין אומגליקן אין טיפֿע.

און מאַך אַזוי, מיין וואָרט עס זאָל דערגיין
צו אַלע די, וואָס פֿאָכן מיטן מעסער;
קען זיין, זיי וועלן זייער בייז פֿאַרשטיין
און — וועלן אפשר ווערן עטוואָס בעסער — — —

וואָס נאָך קען טאָן

ה. לייוויקן — צו זיין יובל השבעים

וואָס נאָך קען טאָן אַ מענטש אַזאַ, ווי איך,
אַ יידישער, אַן איבעריקער דיכטער,
חוץ פּרווון וועקן מיט זיין צאַרט געדיכט
אַ וועלט, געהילט אין פינצטערניש געדיכטער?

עס איז די וועלט מיט שלעכטס אַזויפיל פול,
מיט ווילדער שנאה, וואַלדישער רציחה;
אין לאַנד אין יעדן, אין אַ יעדן גבול
אַלץ מער עס גרייט זיך פייערדיקער וויכער.

דער מערב דראָט מיט העלישן אַטאָם,
דער מזרח דראָט מיט הידראָגען־ראַקעטעס;
ביז גאָרע ערד וועט אויפברענען, ווי סדום,
און זיין עס וועט ניט ווער עס זאָל זי רעטן.

און ווי די אומות, ווי די קלאַסן איצט —
אַזוי דער יחיד: סוחר, שרייבער, בויער;
מיט נעגל שאַרפע, צייניקן געקריצט
אויף צווייטנס לעבן חיהדיק ער לויערט.

איך פיל עס אָפּט אויף אייגענעם געביין —
אין רינג אין ענגן — צענדליקער שוין יאָרן;
מיין גוטער פריינט — אַזוי האָב איך געמיינט —
אַ פיינט אַ בייזער איז ער מיר געוואָרן.

פאַרוואָס? פאַרוועןְ? איך זוך אין זיך אַ זינד —
לגבי אים, אַ צווייטן פריינט, אַ דריטן;
נאָר איך געפין ניט, און צעבראָכן בין
פון האַס אַזויפיל גיפטיקן, צעגליטן.

און אָפּט איך בעט זיך, אָפּט איך וועק, איך רוף:
אַ, ברודער מיינער, לאָמיר זיך ניט קריגן!
עס איז דאָך הייליק יעדער מענטשנס גוף!
אין יעדנס פּנים גאָט איז דאָך פאַרזיגלט!

נאָר ס'ווערט מיין רוף פאַרשטויסן און פאַרשפּאָט,
נאָר ס'ווערט מיין וואָרט פאַרחוזקט און צעטראָטן;
אין יעדנס פּנים מער איך זע ניט גאָט,
אין יעדנס אויג אַ שד איך זע, אַ שטן.

און, פול מיט גרויל, איך אייל אַוועק אין פעלד —
פאַר ביימער זיך אַראָפּריידן פון האַרצן,
פאַר הימלבלוי, פאַר זון אין העלן בלענד,
פאַר גרעזל גרינעם, יאַגדע רויטער, שוואַרצער.

איך וויין זיך אוים דאָ פאַר אַ יעדן זאַנג,
איך וויין אויף קיום אייגענעם — פאַרקללהט,
איך וויין אויף זיין אויף יעדערנס — אין שאַנד,
אויף גאָרער וועלט — אין אומגליק און יללה.

איך וויין זיך אוים, איך רייד זיך אַליך אַראָפּ,
פאַר שטילן רוים, פאַר אַלע שטילע עקן;
ביז גרינגער ווערט אין האַרץ ביי מיר, אין קאָפּ
און — ווידער קום איך מינטערן און וועקן — —

וואָס נאָך קען טאָן אַ מענטש אַזאַ, ווי איך,
אַ יידישער, אַן איבעריקער דיכטער,
חוץ פרווון וועקן מיט זיין צאַרט געדיכט
אַ וועלט, געהילט אין פינצטערניש געדיכטער?

עס איז ניט גוט מיר

עס איז ניט גוט מיר, יידיש גאַס, ביי דיר,
אויף דיינע ברייטע, אַספּאַלטירטע לאַוועס,
אין דיינע הייזער — גבירish אויסגעצירט,
אין דיינע קלייטן — פֿרייונדיק צעהאַוועט.

איך וויל ניט שטראָפֿן, וויל ניט וואָרנען דיך,
בין ניט קיין נביא — בלויז אַ יידיש־דיכטער;
נאָר פֿאַר מיין אויג צו־בלענדיק איז דיין ליכט,
נאָר פֿאַר מיין זעל צו־גוייש איז דיין ריכטונג.

דו יאָגסט, מיין גאַס, אַלץ מערער זיך נאָך געלט,
דו יאָגסט אַלץ מער נאָך פֿאַרגעניגנס גראָבע;
פֿאַרגופֿט האָסטו דיין גאָרע היגע וועלט,
פֿאַראַטן האָסטו גייסט פֿון זיידעס־באָבעס.

איך שפּאַן אַרום און בליק זיך צו דיר צו,
איך טו מיין אויער האָרכיק צו דיר נויגן:
אויף שפּראַכן פֿרעמדע קרימסטו דאָ דיין צונג,
צום לעבן פֿרעמדן טוסטו זיך דאָ בויגן.

אַנטלויפֿסט, מיין גאַס, פֿון דיינע אוצרות — רייך,
אַנטלויפֿסט פֿון דיינע שיינע צוויי לשונות:
העברעאיש, יידיש; ביידע — טייער גלייך;
פֿון אונזער שאַפֿן — זוניקע צוויי קרוינען.

העברעאיש — לשון פֿון די דיברות צען,
פֿון יושר־מאָנער: עמוס און ישעיה;
און מאַמע־לשון — שפּראַך פֿון דעם בעל שם,
פֿון פּרץ, לייוויק — יושר־מאָנער נייע.

האָסט ביידע זיי פֿאַרשטויסן פֿון דיין שוועל —
ווי האָסט פֿאַרשטויסן דיין קולטור די גאַנצע;
און אויסגעלערט געוואָרן איז דיין זעל,
און אויסגעהוילט אינגאַנצן ביסט געוואָרן.

איך שפּאַן אַרום אַ פֿרעמדער אין דיין גבול,
אַ בידנער נשאר פֿון אַ דור — פֿאַרשוווּנדן;
און ס'איז מיין האַרץ מיט האַרבע ווונדן פֿול,
און גאָר מיין וועזן — פֿול מיט האַרבע ווונדן.

איך זוך ביי דיר אַ שפּור פֿון מיין אַמאָל,
פֿון צניעותדיקע שטילע טאַטע־מאַמע;
נאָר מיט הפקרות ביסטו דאָ באַעולט,
און איילסט כסדר — זאָלסט ניט וואָס פֿאַרזאַמען.

דו איילסט אַליך ווו — צו האָליוווּדער שונד,
צו באָקסער־קאַמפֿן חיהשע, ברוטאַלע;
מיט ווייבער דיינע — איבערזאַט מיט הון,
מיט קינדער דיינע — איבערזאַט מיט חלה.

די קינדער דיינע — היים אין ספּאָרט פֿאַרטאָן,
אין טעלעוויזיע, „פֿאַני פּייפּערס", אויטאָס;
און דו אַליין — אין קאָרט אַריינגעטאָן
דורך לאַנגע נעכט — פֿאַרוואָלקנטע, צעבלויטע.

וואָס איז אַדאָ געוואָרן פֿון דיין וואָך?
און פֿון דיין שבת וואָס איז דאָ געוואָרן?
דו יאָגסט כסדר, ווילסט אַליך נאָך און נאָך,
און אין געיעג דיין גאָט האָסטו פֿאַרלאָרן.

וואָס איז געשען דאָ מיט דיין העלן טרוים
פון מאָרגן־וועלט פון ערלאכער, גערעכטער?
צעווייט ער האָט זיך, ווי אַ רויך אין רוים,
צעשטויבט ער האָט זיך, ווי דיין גאָרער נעכטן.

און זעקס מיליאָן — צי טראַכסטו נאָך פון זיי —
פון נאַצי־הענט פאַרשניטענע, פאַרגאַזטע?
מיר דאַכט זיך אָפט: פאַראַטן האָסט אויך זיי
אין דיין געיעג אין היגן אין צעראַשטן.

און לאַנד ישראל — אונזער היים אויפסניי
נאָך בלוט אַזויפיל, קברים און רואינען —
צי ביסטו א י ם כאָטש ווי געהעריק טריי?
צי האָסטו א י ם כאָטש מערער אין דיין זינען?

איך שפּאַן אַרום צעווייטיקט אין דיין מיט
און בליק זיך צו מיט אימה אין די אויגן,
ווי פון דיין גוף עס רייסט זיך גליד נאָך גליד
און — ווערט אין פרעמד אין גוייִשער פאַרפלויגן.

פאַרשווימסט אַלץ ווייטער, יידיש גאַס דו מיין,
אין ברייטן ים פון חתונות געמישטע;
אַזש אָפט איך קלער אין פּחד און אין פּיין:
ביסט אפשר שוין אויף אונטערגאַנג פאַרמשפּט — — —

עס איז ניט גוט מיר, יידיש גאַס, ביי דיר,
אויף דיינע ברייטע, אַספאַלטירטע לאַוועס,
אין דיינע הייזער — גביריש אויסגעצירט,
אין דיינע קלייטן — פריונדיק צעהאַוועט.

צו אַ ווייטן שטערן

מיר דאַכט זיך אָפטמאָל, שטערן מײַנער ווייטער,
בלויז דו וועסט נאָך מײַן יידיש ליד פאַרנעמען —
אין הײַנטיקע, אין מדברדיקע צײַטן,
ווען דיכטן וואָס — ניטאָ שוין מער פאַר וועמען.

איז רייד איך זיך אַראָפּ פאַר דיר, מײַן שטערן,
אַצינד, בײַנאַכט, אין טיפער שעה אין בלויער,
ווען ס'עקבערט מיך אַ קומער אַזאַ שווערער,
ווען ס'בויערט מיך אַזאַ מײַן האַרבער טרויער.

די טײַערסטע — פאַרשניטן אַלע דאָרטן,
מיט גאָרן שטאַם — אין אַלע שטעט און שטעטלאַך;
און דאָ — אַ לאַנד פון סעודות און פון קאָרטן,
און דאָ — אַ וואָר פון געלט און שמאַטע־געטלאַך.

מײַן היגער ברודער — פרעמד איז מיר זײַן לשון,
מײַן היגע שוועסטער — פרעמד איז מיר איר טואַכץ;
און איך פאַר זיי — אַ וועזן, לאַנג פאַרלאָשן,
און איך פאַר זיי — פון יענער וועלט אַ רוח.

אַן עלנטער איך דריי זיך דאָ אַרומעט
אויף גאַסן ענגע רווישנדיקע, האַרטע
צעווישן יידן טויבע, בלינדע, שטומע
צו אַלעם דעם, וואָס מאַטערט מיך, וואָס אַרט מיך.

ס'וויל קיינער ניט קיין אויער צו מיר נייגן,
ס'גייט קיינעם אָן מײַן מיען זיך, מײַן שרײַבן;
מע קערט פון מיר דאָ אָפטמאָל אָפּ די אויגן —
מע זאָל מיר שולדיק עפּעס וואָס ניט בלײַבן.

מע דאַרף מיך ניט. בין קיינעם דאָ ניט נויטיק.
בין איבעריק, ווי מיינע לידער־ספרים —
באַגראָבענע אין קעלערן, ווי טויטע
אין פינצטערע, אין ווערעמדיקע קברים.

מיר דאַכט זיך אָפטמאָל, שטערן מיינער ווייטער,
בלויז דו וועסט נאָך מיין יידיש ליד פאַרנעמען —
אין היינטיקע, אין מדברדיקע צייטן,
ווען דיכטן וואָס — ניטאָ שוין מער פאַר וועמען.

אַ נסיעה

(פאַנטאַסטישע פּאָעמע)

מענטשן רייזן אויף דער וועלט —
אי מיט באַנען, אי מיט שיפן;
אין אַעראָס יאָגן שנעל
דורך די הימלדיקע טיפן.
שטענט זיך ווייזן: וויק, באָמביי,
לאָנדאָן פליט אָן אין אַ נעפל;
אָטאָ בלענדעט אַלפּן־שניי,
אָטאָ גרינען קרימער סטעפּעס.
פון אויסטראַליע ביז ניו יאָרק,
פון אַליאַסקע ביזקל חיפה —
רק מע וואַנדערט, רק מע פאָרט,
שיפן טרובען, באַנען פייפן — —
איך נאָר איינער זיץ אין הויז,
פאָר שוין ניט פון כמה יאָרן;
בליק פאַרבענקט אין גאַס אַרויס —
בין מקנא די, וואָס פאָרן.
בין מקנא און — באַשלים
סוף־כל־סוף אַ רייזע מאַכן;
ניט קיין פּערו, קיין פּאַריז,
ניט אויף הייכן, אָדער פלאַכן,
ניט קיין כינע, אָדער רוים,
ניט אויף ערדן, אָדער ימען —
נאָר אין וויטן וועלטן־רוים
אין די אַלוועלט־אָקעאַנען.
וואַרט איך אויף אַ קלאָרער נאַכט —
פּאַסיק פאַר אַזאַ מין רייזע;
קומט זי אין איר גאָרער פּראַכט,
טוט איר הימל מיר באַווייזן:
אָן איין וואָלקן, תהומיק טיף —
אַ צעבלויטע רייזן־שיסל;
און מיט שטערן אָנגעטריפט —

גאָלדיק־העלע, טויאיק־פרישע — —
זאָג איך זיך: אָט איז די שעה
און אַ גרייטער, אַ דערפרייטער —
טו אַ הייב־זיך אין אין־סוף
אינעם הויכן, אינעם ברייטן;
נעם זיך טראָגן אויפדערגיך
דורך דער ערדן־אַטמאָספערע
צו דעם ווינקנדיקן ליכט
פון די פינקלדיקע שטערן.
אָט בין איך שוין ווייט אַוועק
פון דער ערד מיט אירע גליקן,
ס'איז די לופט שוין באַלד געעקט
און — עס טוט מיך וואַזשנע שטיקן.
און דערצו אַ קרירה הערשט,
אַז איך שוידער — ווי אַן אבר,
און אַ חושך אַזוי שווער —
שווערער, דאַכט מיר, ווי אין קבר.
נאָר איך שטאַרק זיך, ווייטער פלי —
צו דעם נאָנטסטן הימל־קערפער:
די לבנה, אין איר בלי —
שמאָל און שפּיציק, ווי אַ סערפּל;
יאָג צו איר זיך, ווי אַ פייל,
דורכן חלל דורכן הוילן,
ס'בלייבט אַהינטער מייל נאָך מייל
און לבנה ווערט שוין בולט.
אָט בין איך שוין נעבן איר,
שטיי שוין אויף איר גרונט איר האַרטן — — —
נאָר אויף יעדן קער און ריר
אַן אַנטוישונג עס דערוואַרט מיך:
פּוסט אַרום, אַ טויטע קויל,
נים קיין מענטשן, נים קיין שטיבער;
און איר צווייטע זייט איז הויל,
ווי די ערשטע — שטיינער, גריבער;

וויסטע טאָלן, מדבר־בערג,
ניט קיין חיות, ניט קיין ביימער;
און קיין קול, קיין פּיפּס פֿון ערד —
בלויז אַ שטילקייט אַ געהיימע...
ווערט מיר אַזוי אומעטיק
אויפֿן זילבער פֿון לבֿנה,
און איך ווענד זיך מיטן בליק
צו דעם גאָלדן זונען־פּנים:
דאָרטן, אויף דער זון — צעהעלט,
מוז אוודאי זיין גאָר פֿריילעך:
אַזאַ בלענדנדיקע וועלט,
אַזאַ בלאַנקענדיקער קיילעך! —
יאָג איך באַלד אַוועק אַהין —
מיט אַ ליכט־געשנעלקייט יאָג איך;
דורכן רוים, אָן לופֿט, אָן ווינט,
ווי אַ מעטעאָר איך טראָג זיך.
און אין אַכט מינוט אַרום
קום איך אָן שוין צו די פֿליינען
פֿון דער בלאָנדער מלכּה־זון
מיט איר „קרוין" איר וווּנדערשיינער.
נאָר דאָ לאַנדן קען איך ניט:
גאַזיק איז דער גאָרער שטח,
און אַ חמימה אַזאַ ברייט —
אַז צום גאָט פֿון קאָסמאָס בעט איך:
נעם מיך צו פֿון דאַנען, גאָט,
נעם מיך, ליבער, צו וואָס גיכער,
בין אינגאַנצן שוין פֿאַרבראָט,
מיטן לעבן מער ניט זיכער...
נעמט ער אָן מיך פֿאַר אַ האַנט,
דרייט מיך אויס צו די פּלאַנעטן:
הײדאַ, גאָטליב, פֿיס דערלאַנג —
כּל־זמן האָסט נאָך ניט פֿאַרשפּעטיקט — —
טראָג איך זיך שוין אויפֿדאָסניי —

ווייטער אַליין פון זון־גיהנום,
יאָג מערקור אויפגיך פאַרביי,
קום שוין אָן אין גבול פון ווענוס,
ווייל דאָ כאַפּן כאָטש אַ בליק —
לאָזט ניט היגע אַטמאָספערע:
אַזוי קנויליק, אַזוי דיק,
וואָלקנס גראָבע, נעפּלען שווערע — — —
פלי איך ווייטער. אָט איז מאַרס —
מיט לבנות צוויי באַשאָנקען;
מאַך איך איבער אים אַ מאַרש,
אויף זיין באָדן לאַנג איך בלאָנקע.
ס'איז ווי אויף דער ערד כמעט,
שניי מע זעט, געוויקסן בליען
און „קאַנאַלן" — היפּשלאַך גראַד —
אויף אַ־דער־אָ קויל זיך ציען.
נאָר איך שרעק זיך טיפער גיין:
אפשר זענען דאָ פאַראַנען
חיות, מענטשן — בייז, געמיין — — —
טראָג איך אָפּ זיך אויך פונדאַנען — — — —
צו יופּיטער פלי אַצינד
דורך די ווייטן די געהיימע,
דורך די טיפן — פּראָסטיק, בלינד,
דורך די ספערן — פול מיט אימה . . .
ביז איך פלי לסוף אַריין
אין רשות פון אַ־דעם קיילאך —
מיט לבנות גאַנצע ניין
אויסגעסטראָצלט, ווי אַ מלך.
נאָר דעם כדור באָדן פעלט,
ווי די זון־קויל, איז ער גאַזיק,
פול געפאַר איז אַזאַ וועלט
פאַר מיין ביסל עולם הזה.
פלי איך קיין סאַטורן באַלד —
מיט לבנות צען באַשייניקט,

מיט אַ רינג אַרומגעשטראַלט —
דאָ צו לעבן איז אַ תּענוג;
ס׳איז אַ נאַכט אַ היגע שיין —
שענער, דאַכט מיר, קען ניט געבן;
נאָר אויך דאָ איז גאַז — ניט מיין —
גיי און מאַך פון דעם אַ לעבן! — —
פלי איך ווייטער — קיין אוראַן,
קיין נעפּטון זיך אייל פון דאָרטן:
ס׳איז נאָך פיל צו זען פאַראַן
אינעם בורא׳ס אָנענד־גאָרטן.
אָטאָ בין איך שוין אַרויס
פון דער זונוועלט — אַזוי ריזיק;
זון — זי זעט דאָ גאָר קליין אויס,
און די ערדקויל — אַוו איז זי?
זעט מען זי אינגאַנצן ניט,
שוין קיין שפּור פון איר ניטאָ מער — —
און אויפסניי, אין פראָסט געהילט,
יאָג איך דורך די שוואַרצע תּהומען:
צו דעם נאָנטסטן הימל־גוף,
אַ מהלך — אָן עין הרע;
יאָג און פלי, אָן ווינט, אָן לופט,
שוין אַ יאָר און — צוויי־דריי יאָרן — —
נאָר עס קומט ניט אַלץ קיין ענד
צו מיין ליכט־געשנעלקייט־רייזע,
נאָנטסטער שטערן ווייט נאָך בלענדט —
ס׳איז אַ גלות־לאַנגע מעשה.
און דערווייל, אינמיטן יאָג,
שטויס איך אָן זיך אויף אַ גלאָבוס —
לאַנגשוין טויט, מאַסיוו אין וואָג,
מיט אַ קאָרע אַזאַ גראָבער;
האָט אַמאָל געלעבט, געשיינט,
האָט געפּרילינגט, האָט געזומערט;
איצטער הילט אים חושך איין

און אַ קרירה אַזאַ שטומע.
דרייט זיך, נעבאך, דאָ אַליין —
פינצטער, קאַלט — מיליאָנען דורות,
כאָטש באַטרערן און באַוויין
אַזאַ ביטער־האַרבן גורל — —
טוט מיר טאַקע ווי דאָס האַרץ,
נאָר קיין צייט האָב צו באַטרערן:
נאָנטסטער שטערן וואַרט נאָך אַלץ —
יאָג איך ווייטער צו דעם שטערן.
ביז איך קום אין זיין רשות —
ביז גאָר מיד פון לאַנגן יאָגן;
גיב איך אָפּ פון זון אַ גרוס
און — אויפסניי איך נעם זיך טראָגן.
ס'איז מיין רייזע ניט קיין שפּאַס —
ס'איז אויף יאָרן אויף טריליאָנען;
וויפל שטערן — רויט און בלאַס —
וואַרטן אַלץ דאָרט, אין די תהומען.
וויפל שטערן — אַלט און פריש,
גרינע, ראָזע, האַרטע, ווייכע;
פול מיט זיי דער קאָסמאָס איז,
און זיי אַלע ווילט זיך גרייכן.
טראָג איך זיך אין רוים אַרום
פון איין שטערן צו אַ צווייטן,
מאַך מהלכים — גראַד און קרום,
און — קאָמעטן מיך באַגלייטן.
פלי אַרום, ווי אַ קאָמעט,
פון גאַלאַקסיע צו גאַלאַקסיע . . .
נאָר קיין סוף צו זיי מע זעט —
נייע וועלטן זיך צעוואַקסן:
קליינער בער און גרויסער בער,
גרויסער הונט און קליינער כלב;
גאַנצע גרופּעס — מער און מער,
פּעסט און פליסיק, בלויע, העלע:

לירע, יונגפרוי און דראַקאָן,
צווילינג, וואַלפיש און צעפעאוס,
קרעבס און שוואַן און אָריאָן,
באָק און בויגן און פערסעאוס.
שטערן־גרופעס, גרויס — אַ שרעק,
שטערן־נעפלען — אומגעהייער,
שטערן־וואָלקנס — אָן אַ ברעג,
ריזן־זונען — גאָלע פייער.
ריזן־קוילן — דיק, ווי בליי,
און — נאָך דיקער, און — נאָך שווערער.
און אַ יעדע פראַנק און פריי
דרייט זיך דאָרטן, אין די ספערן.
דריי איך זיך מיט זיי צוזאַם,
פאָר אַרום מיט זיי אינאיינעם,
דורך די רוימען — אָן אַ צאַם,
דורך די ראַנדנלאָזע פליינען.
רייז אַרום אַלץ — אָן אַן עק,
שוין פאַרגעסן, וויפל תקופות,
וויפל ליכט־יאָרן אַוועק
צווישן אָ־די הימל־גופים.
טו אַ טראַכט וועגן פון דער ערד —
ערגעצוווּ אין אָנענד־גאָרטן:
לעבט נאָך דאָרט פון מענטשן ווער? . . .
לייענט ווער נאָך יידיש דאָרטן? . . .
איז נאָך דאָ אַ תל־אָביב?
מאָנטרעאל צי איז פאַראַן נאָך?
שווימט נאָך ווער דאָרט אויף אַ שיף?
טראָגט זיך עמעץ מיט אַ באַן נאָך? . . .
נאָר לאַנג טראַכטן האָב קיין צייט:
אָטאָ דאַרף איך ווידער פאָרן:
מיטן מילכוועג — ביז העט־ווייט — —
מי יודע וויפל יאָרן — — —

פֿאַרנאַכט

צו אַן אַלטער בעריאָזע

פרידן צו דיר, מיין בעריאָזע מיין גרייזע!
שטייסט, ווי געווען, אויף דיין פוס אויף דיין ווייסן.

שטייסט, ווי געווען, אויפן אָרט אויפן זעלבן.
פרילינג — אַ גרינע און אָסיען — אין געלבן.

זומער — צעבלעטערט און ווינטער — אַ הוילע.
שלום צו דיר, מיין פריינדינע מיין ווילע!

אָטאָ איך קום אויפדאָסניי פון מיין וואָגל,
אָטאָ איך ברענג דיר באַנייעם צוטראָגן

שטאָטישן אומרו און גאַסן־געווימל,
שטיין פונעם באָדן און רויך פונעם הימל.

ווידער אַ יאָר איז אַ שווערער פאַרגאַנגען —
פון די געפלאָגן די זעלבע געפאַנגען.

אַלץ ווי געווען. בלויז עלטער געוואָרן.
און אויפן שאַרבן מער פעדים פאַרלאָרן.

ס'איז מיר ניט גוט, מיין בעריאָזע מיין אַלטע.
ס'איז מיר גאָר ביטער — נאָכוואָס עס באַהאַלטן?

ס'נאָגן די מחלות די זעלבע און — נייע
(טוען דערמאָנען אין טויט, אין לויה).

ס'פיינט אַלץ די נויט און עס פרעסן די זאָרגן:
היינט איז פאַסקודנע — אַ פשיטא שוין מאָרגן.

היינט איז פאַסקודנע. דער עלנט ווערט גרעסער.
ס'וואַקסן קיין פריינט מער און אַלטע פאַרגעסן.

איינזאַמער ווערסט אַלץ, פאַרווינקלט, פאַרשטויסן.
איינזאַם אין שטוב און פאַרלאָרן אינדרויסן.

ס׳יאָגן די גאַסן אין רויש, אין געהאַווע;
וואָכעדיק, שטויביק — סיי מאָנטיק, סיי שבת.

דרייסט זיך אַרום אויף אַ מאַרק אויף אַ פרעמדן:
קראָמען און קראָמען — מיט הויזן, מיט העמדער;

זאַכן און זאַכן — אַ וועלטן־פאַרפלייצונג;
אַלץ — פאַרן לייב, פאַר די אויגן אַ רייצונג;

אַלץ פאַרן חומר (ווער דאַרף די נשמה?) —
דרייסט זיך צעווישן די שרייאיקע קראָמען

מיט דיינע שטילע, פאַרשוויגענע לידער,
מיט דיינע טרוימען — די היפשלאַך שוין מידע — —

ס׳דאַרף זיי ניט קיינער — די לידער, די טרוימען:
דיינע געוועבן פון זוניקע רוימען;

איידעלע קלאַנגען פון הייכן — צעשטערנט ;—
ס׳וויל זיי אַפילו דיין נאָנטסטער ניט הערן.

וויל מער ניט הערן דיין יידישן לשון.
יידיש — ער זאָגט דיר — עס איז שוין פאַרלאָשן.

יידיש — ער זאָגט דיר — אַ שפּראַך שוין פון קברים — — —
און דו פאַרלאָזט אים נאָך מערער פאַרלאָרן — — —

און אָט אַזוי, אין אַ מדבר אַזאַ מין,
טעג דיינע גייען — פאַרגרויען, פאַרפלאַמען.

אַט איז אַן אָוונט אַ נייער געקומען —
דיך אין דיין שטיבל אין ענגן געפונען.

נאָך אַ טאָג פּראַצע פאַר ברויט פאַרן שטיקל
זיצסטו אין קיך — אין אַ שווייגן געוויקלט;

עסטו דיין מאָלצייט אַ שווייגנדיק מידער
און — נאָך מנוחה עס גאַרן די גלידער.

נאָר איבער ווענט עס גייט אָן אַ געפּילדער:
יידישע שכנים — אין קאָרטן מע שפּילט דאָרט.

קאָרטן און לידלעך אין ראַדיאָ — ווולגאַרע
(דאָס איז פון לעבן פון היגן די מראה).

קאָרטן און ראַדיאָ. ביז האַלבנאַכט און — שפּעטער.
ליגסט שוין, אָן רו און אָן שלאָף, אויף דיין בעטל.

ווערסט זיך אַקעגן דעם טומל דעם וויסטן
און — אויף די פליגל פון חלום פאַרפליסטו — —

זעסט זיך באַנייעס, אין דמיון אין וואַכן,
דאָרט, אויף די קרומע, צעגריבערטע שליאַכן;

דאָרט, אין דיין היים אין דער אָרעמער, גרויער
(ס'האָט נאָך דיין שטאַם דאָרט געוואָרצלט, געהויערט.

ס'האָט נאָך דיין פאָלק דאָרט געהאַוועט, געשאַפן — —
קינדהייט מיין ווייטע! מיין זוניקסטער האַפן!)

גאַנץ נאָך געשטאַנען די היים איז די שטילע.
פול מיט בטחון, געאָטעמט, געפרילינגט.

פול מיט אמונה, געזומערט, געווינטערט.
וואָכן, שבתים אין צניעות געשפּינט האָט.

ס'האָט זיך אַ שטייגער אין ריינקייט גערינגלט.
הייליק און שיין האָט דאָס לעבן געפינקלט.

הייליק און שיין — אין זיין פרייד, אין זיין אומעט
(ליכטיקע טעג פון מיין יוגנט מיין פרומער!).

תורה און תפילה און ערלאַכע אַרבעט.
ברכה אויף ביסן — אויף זאַטן, אויף קאַרגן.

שולן געפּאַקטע, ישיבות — צעלערנט.
יונגוואַרג, וואָס איז שוין היינטצייטיק, מאָדערן.

יונגוואַרג מיט מיילער — פול עברית און יידיש.
קינדערלאך צאַרטע — מיט יידישע לידער.

ס'האָבן זיך דורות געקייטלט אַזוי־אָ,
הונדערטער יאָרן — אין גלויביקן בויען — — —

ביז דער מחבל, דער דייטש, איז געקומען —
אַלעמען אין זיין גיהנום פאַרנומען;

אין די „פאַבריקן" פון גאַז און פון שרפה:
טאַטע און מאַמע און זקן און עופל;

אַש בלויז געלאָזן — אויף מיסטיקן גרותמן;
אַש פון מיליאָנען — געוועזן און — פאַרשוווּנדן — — —

(האַרץ מיינס! ווי שניידיק דיין פּיין איז אַצינדער!
קאָפּ מיינער קראַנקער — אין נאַכט אין דער בלינדער!).

ליגסט אַלץ פאַרטראָגן און — זעסט זיי דאָרט אַלע:
טייערסטע, ליבסטע — פאַרשניטן פון חלף;

אייגענע, פרעמדע — אַן אומה אַ גאַנצע.
אַשן און זייפן — פאַר מינכען און דאַנציק — —

נאָר שוין פאַרגעסן די גרוילן עם זענען.
ניט פון דער וועלט נאָר — דער זונה־היענע —

אויך פון די ברידער די אייגענע דיינע.
ס'איז שוין דער נעכטן ניטאָ מער — זיי טענהן.

ס'איז שוין — זיי טענהן — ניטאָ מער דער דאָרטן.
דאָ איז פאַראַן בלויז — מיט געלט און — מיט קאָרטן — —

ליגסטו צעוויטיקט און הערסט אַלץ: די שכנים
היצן זיך, שרייען אין שפּיל אינעם „שיינעם".

ליגסטו און — ס'הויבט דיך: דו וואָלסט וו אַנטלאָפן:
צו די פאַראייזטע מדבריות פון צפון;

צו די ישובים פון מזרח — צעבלענדיקט
(אָ, מיין ישראל! מיין וואָר און לעגענדע!

כ'וואָלט זיך די רגע אַפילו געלאָזן
צו דיינע פּליינען — אין זאַנגען, אין גראָזן,

צו דיין ערבה — נאָך זאַמדיק, נאָך ליידיק —
אין דיין געבוי דאָרט פאַרמישן זיך פריידיק!) —

קלעמען מיך מחלות. און נויטן עם דריקן.
זיץ איך בעל־כּרחי אין לאַנד אינעם היגן.

פלעכטן אַזוי זיך צעדולטע מעת־לעתן.
טונקלט אַן אָסיען מיט רעגנס — דערעסן.

פינקלט אין שנייען אין בלאַנקע אַ ווינטער,
נאָדלט מיט קרירהס און בייטשיקט מיט ווינטן.

לאַנגע מאַנאַטן (מיט „קווייטן" אויף שויבן). —
פאָטער געטרייער! אין ווין דיינעם — אויבן!

ווען קומט שוין פרילינג? . . . נאָר פרילינג — ער קומט ניט.
אָט איז שוין מאַי אויף דער וועלט, נאָר ער בלומט ניט.

פוסטע — די ערדן, דיביימער — נאַך נאַקעט.
און דו — דיך ציט שוין אַזוי אין מרחקים.

גאַרסט פון דער שטאָט שוין וואָס גיכער זיך רעטן:
גבולן פון פעלדער פון פרייע באַטרעטן;

גבולן פון בערג און פון טאָלן — צעזוממערט — — —
בין איך, בעריאָזע, באַנייעס געקומען — — —

אָ, ווי עס פרייט מיך אויפסניי דיך צו טרעפן,
מיט דיינע זאַפטן מיט אַלע — צעעפנט,

שטיין, ווי געווען, אויף דיין פוס אויף דיין ווייסן,
שטיין אַ צעגרינטע, מיין פריינדין מיין גרייזע!

ס'איז שוין סוף יוני. אַלץ בליאיקט און דופטעט.
פייגל פאַרהילכן מיט לידער די לופטן.

זון פליסט איר גינגאָלד אויף נידערס, אויף הייכן.
גראָזן און קווייטן ,צעטוויאיקטע, שמייכלען.

נעם אויף דיין אורח, מיין ווילע פריינדינע.
שטרעק אוים צו מיר דיינע בלעטער די גרינע.

טוליע מיך צו צו דיין שטאַם דיין געזונטן,
צו דיינע צווייגן — מיט חיות באַטרונקען.

טוליע מיך צו און פאַרשפּין אין דיין שאָטן,
דאָ, דיר צופוסנס, אויף מאָכיקן באָדן.

כ׳האָב זיך אַ ביסל פאַר דיר אויסגעטענהט,
האַרץ מיינס צעעפנט — מיט פיינען מיט זיינע.

איצטער מיר ווילט זיך צופוסנס דיר ליגן,
מערער ניט ריידן — מיט רו זיך פאַרוויגן;

ליגן אין רו מיט געשלאָסענע וויעס
און אַ־די רו זאָל זיך ציען און ציען — — —

וואָס נעענטער צום אויסלאָז פון דיין וועג

וואָס נעענטער צום אויסלאָז פון דיין וועג,
אַלץ ליבער דיר, אַלץ טייערער עס ווערן
די פרילינגדיקע, זון־צעשיינטע טעג,
די זומער־נעכט, באַפינקלטע מיט שטערן.

אַ יעדער גרונט, אין גראָזן אויסגעצירט —
מיט מערער גיר ער גיסט אָן דיינע אויגן;
אַ יעדער בוים, אין בלעטער איינגעהילט —
זיין זאַפט זיין גאָרע וואָלסטו אויסגעזויגן.

אַ וואָלקנדל אין מילדן הימלבלוי —
דו ווערסט ניט מיד באַחידושן זיין שיינקייט;
אין שטילן פעלד אַ פערלדיקער טוי —
דו שטייסט פאַרגאַפט פאַר אָ־דער גרויסער קליינקייט.

אַ שטעג אַווו צעווישן טאָל און באַרג,
אַ וואַסערל אַווו צעווישן שטיינער —
גייסט אום אַדאָ אַ שעה און — ס'איז דיר קאַרג,
פאַרווילסט דאָ צוויי שעה און — עס איז דיר ווייניק.

ווי גרינג איז דיר די האַנט פון ווינט אַצינד,
וואָס נעמט אַרום דיך, גלעט דיר אויס דאָס פנים;
ווי זיס איז דיר דער ניגון פון אַ בין —
פול גאָלדיק־שווערן קוויקנדיקן האָניק.

ווי פרייסטו זיך מיט יעדן בויג פון זאַנג,
מיט יעדן פאָך פון פלאַטערל — קאָלירק;
אַ יעדער פליג פאַר איר געזשום דו דאַנקסט,
אַ יעדער גריל — פאַר איר פאַרטרוימטער שירה.

און יעדע קו, וואָס דו באַגעגנסט ווו,
און יעדן פּערד — פאַרטאָן אין דער אכילה —
זיי ליכטיקן דיין וועזן אָן מיט רו,
זיי רעגן דיך צו בענטשונג אָן, צו תּפילה.

אָ, טו זיי בענטשן, די געשענקטע טעג —
די פרילינגשע, די זומערשע, אין אָסיען;
כּל זמן דיין זיין — ער האַלט נאָך ניט ביים ברעג,
כּל זמן דיין זון — זי איז נאָך ניט פאַרלאָשן.

אין די בערג

זיי שטייען נאָך, די בערג (ווי פאַראַיאָרן),
מיט הויכע קעפּ אין קלאָרן רוים צעשיקט;
אין בלויעם פרי איך קום אַהער צופאָרן;
אָט הויבט זיך שוין אין בענקעניש מיין בליק

אויף רוקנס — פעלזיק, אויף שיפּועים גרינע,
אין זונענליכט אין גאָלדענעם צעבלאַנקט;
איך זוך אַרום, נאָר קען מער ניט געפינען
מיין פרילינג דאָ, מיין זומער פון־ניט־לאַנג.

אָ, קאָפּ מיינער, מיט אויסגעגרויטע שלייפן,
דו טראָגסט זיך שוין אין אָסיען איינגעשפּינט;
עס פרייט שוין ניט אויף שטילע פאַרמער־הייפן
אַ שמייכל פון אַ פּויערישן קינד;

עס פרייט מער ניט אין פּויערישן דרויסן
אַ האָן־געקריי אין העלנדיקער זון;
אַ קעלבעלע, פון מוטערטראַכט אַרויס נאָר:
אַ בערגל מיסט, באַדרעמלט פון אַ הונט.

איך שפּאַן אַרום צעווישן גראָז און שטיינער,
ווי אויף אַ „פעלד" — מצבהדיק צעבליט;
און אויפן האַרצן שווער איז — ביז צו וויינען,
און אין די אויגן טונקלט אַזאַ מיד.

אָ, אויגן מיינע, אָסיענדיק פאַרשפּינטע,
איר זעט שוין איצט נאָר פינצטערניש, נאָר נאַכט — — — —
זיי שטייען נאָך, די בערג די אויסגעגרינטע,
מיט הימלען טיפע, זויבערע באַדאַכט.

פיר סאָנעטן

דוד וואָלפען

א

אַ טונקעלער, אַ טריב פאַרקלערטער טאָג
אין אלול־פעלד אין ליידיקן, אין שטילן;
ס'גייט אויף אין זעל פון סליחות אַ געזאָג,
ס'בליט אויף אין האַרץ אַ ראש השנה־תפילה.

שוין לאַנג אַזוי. דאָך אויפראָסניי זיך וועקט.
אַ קוועל עס טוען פאַרכטיק־פרומע קלאַנגען.
ווי וואָלסטו איצט, ביים אויסלאָז פון דיין וועג,
צו ווייטע טעג צו יינגלשע דערגאַנגען.

ווי וואָלסטו איצט דערזען די אַלטע שול,
פון עק ביז עק מיט יידן אָנגעפולט
און זיך — צעדאַוונט אונטער טאַטנס טלית.

שוין לאַנג אַזוי. דאָך קומט עס אויף צוריק:
אין אויג דיינעם — אַן עדה, היים צעוויגט,
אין אויער דיינעם — שופרדיקער שאַלן.

ב

אַ לויטערער, גינגאָלדענער פאַרנאַכט
אין תשרי־פעלד אין אָפּגעהילטן, קילן.
די גייסט אַרום און אויער דיינער וואַך
צום זעגעדיקן אויפגעשפּיל פון גרילן.

די גייסט און זעסט: אין רוים אין בלויעם פליט
אַ שאַרע פייגל — ווו אין ווייטע קאַנטן.
ווי אַ־די פייגל, דיין געדאַנק זיך ציט
אין צייט אַוועק — פון היגן לאַנד פון קאַלטן.

דערזעסט אויפסניי זיך אינדערהיים — אַ קינד.
דער מערב איז מיט זונפאַרגייפ פאַרשפּינט.
דער טאַטע וואָרט אין קיטל איינגעוויקלט.

איך שפּאַנט אַוועק אויף „גרינעם באַרג", אין שול.
אַ יעדע גאַס מיט ווייסע יידן פול.
די גאַנצע שטאָט יום כפּורדיק טוט בליקן.

ג

אין רויט, אין צונטער ברענען היינט די ביימער.
אַ יעדער בלאַט — אין ווינטישן צעוויג.
אָ, נעם מיך, ווינט, פאַרטראָג צוריק אַהיים מיך,
פון פערציק יאָר פון מדבּרשע — צוריק.

אַ סוכּות־טאָג. בין זיבניאָריק ווידער.
אין שטיבל ווייט מיט אתרוגדיקן דופט.
מיט אייפער זאָג איך פונעם גראָבן סידור.
זינג אויס מיט האַרץ דעם מן המצר־רופ.

און אינדערהיים, אין אונזער סוכּה — פרייד.
מיט די אושפּיזין גייט דאָ אַ גערייד.
און ס'קלינגען צו די לעפל, גאָפל, טעלער — —

שוין פערציק יאָר אַוועק פון יענער צייט
(און צען מאָל מער, מיר דאַכט זיך, איז זי ווייט).
נאָר אין זכּרון טוט זי לויטער העלן — —

ד

אַריבער די ימען, אַריבער די ווייטן
עס טראָגט זיך מיין בענקשאַפט נאָך קינדערשע צייטן;
איך וויל זיי דערגרייכן, אויפסניי זיי דערלאַנגען,
די יינגלשע יאָרן — ווי לאַנג שוין פאַרגאַנגען.

די יאָרן די שיינע — פון חומש, גמרא.
אַ פשוטע מעשה, אַ דריידלדיק סברא.
און תהילים־קאַפּיטלאך — נאָך שבתדיק עסן.
(דערביי איז די מאַמע ,אַ פרומע, געזעסן;

אַ שטילע, געלייענט אין צאינה וראינה).
אָ, יענע שבתים, די פייערטעג יענע,
אַ העלער שבועות, אַ פסח אַ בלויער — —

פון מדבר פון היגן, פון שטייניקן עלנט
ווי גאַר איך דערגרייכן אַמאָליקע שוועלן —
דעם גאָט פון מיין קינדהייט אויפסניי זיך פאַרטרויען — —

אויפן טויט פון יוסף ראָלניק

„סוף זומער דאַרן אַלע רויזן אָפּ" —
האָסטו אַמאָל אַ שורה אויסגעפּערלט;
און אָט איז שוין פאַרלאָשן אויך דיין קאָפּ —
סוף זומערדיק, אין צייטיקייט אין שווערער.

ניטאָ דיך מער. אַוועק ביסטו „אַהין" —
צו אייזלאַנדן, צו לאַנדווין, מאַני לייבן;
נאָר דיכטונג דיינע — אַזוי איידל־דין —
וועט ווייטער זיין, וועט לעבן יידיש־אייביק.

ווי נאָנט איז מיר דיין שטילע ליטע־ערד,
דיין טאַטנס מיל, דער טייך, די קי, די פערד,
די גאַנצע וועלט, וואָס איז מיט דיר פאַרגאַנגען;

ניטאָ דיך מער. און איך — איך גיי נאָך אום,
מיט אַ געמיט אַ זשוכאַוויצער — פרום,
פון ליד פון דיינעם לויטערן געפאַנגען — —

22־טן אויגוסט, 1955

צו פופציק יאָר

צו פופציק יאָר אַ ייִנגעלע איך בין נאָך
און גאַפֿ אויף אַלץ מיט אויגן פּרימיטיווע,
און נייגעריק מיין זעל איז נאָך, מיין זינען,
און אָפּט איך שטעל זיך פֿראַגן היפּש „נאַאיווע״:

וואָס איז דער זין פֿון אונזער קורצן לעבן?
און וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? און ליבע?
פֿונוואַנען קומט אַ פֿרייד אַמאָל צושוועבן?
פֿונוואַנען קומט אַן אומעט אַזאַ טריבער?

צו פופציק יאָר איך זע אַלץ חידוש, ווונדער
אין יעדן בלעטל, יעדן זונען־העזל,
און ווער נתפּעל פֿון אַ טוי אַ רונדן,
צעשימערט פֿאַרביק אויף אַ גרינעם גרעזל;

און מיט אַ פֿרומקייט ווער איך אַנגעטרונקען
אין פֿעלד אַווו, ביים אָנבליק פֿון אַ שקיעה;
און ס׳קען אַ שטערן, ווייט אין רוים צעווונקען,
מיט פֿאַרכטיקייט מיט טיפֿער מיך צעגליען.

צו פופציק יאָר איך בין נאָך אַלץ אַ טרוימער
און האָב האָלט וועגן אַנאַזיימיק־שטילע,
און בין פֿאַרליבט אין זאַנגען און אין ביימער,
און ליב פֿאַרנאַכטן, מנחהדיק צעתּפֿילהט;

און שרייב נאָך לידער, שאַפֿ נאָך צו זיי גראַמען
(וואָס קאָסטן אָפּטמאָל גאַנצע נעכט מיר וואַכע).
אַ יאָלד אַ דיכטער, אין אַ וועלט אַזאַ מין,
ווו לידער, גראַמען — איבעריקע זאַכן.

ווי לאַנג נאָך

ווי לאַנג נאָך וועסטו אומגיין אויף דער וועלט —
פון נויט באַגלייט, פון עלנט אַ באַהיטער?
מיט יעדן טאָג אַלץ מידער ווערט דיין זעל,
מיט יעדן טאָג דיין גוף, ער ווערט אַלץ מידער.

עס פאָלגן שוין ניט אָפטמאָל דיר די פיס,
געזע, געהער — זיי דינען דיר שוין שוואַכער.
נאָר ווי אין יוגנט איז דיר אַלץ נאָך זיס
אַן איינזאַמער שפּאַצירגאַנג איבער שליאַכן.

דו גייסט און זעסט: עס שטייט אַ בוים פאַרטראַכט,
אַ קו צופּט גראָזן אויף אַ לאַן — באַזאַכט,
און דו עס טריפט פון הימל — בלוי, צי גרוי.

דו גייסט און פילסט: פון מענטש דאָס גאָרע בייז
פאַלט אָפּ פון דיר. דו ווערסט פון שלעכטס דערלייזט.
און דיין געמיט ווערט לייכט און ריין — אַ טוי.

צו ישראל

איך וועל דיך שוין מסתּם ניט זען — אַפילו ניט,
ווי יענער נביא, פֿון מײַן פֿאָלק דער פֿירער,
וואָס ניט באַוויליקט האָט אים גאָט מיט אַלטע טריט
דעם באָדן דײַנעם הייליקן באַרירן.

נאָר אים איז כאָטש — מיט טעג מיט לעצטע שוין באַשווערט —
דערלויבט געווען פֿונדערהייך צו זען דיך;
און מיר, ווײַזט אויס, איז אויך אַזאַ זכות ניט באַשערט,
און ווײַט פֿון דיר וועט אָנקומען מײַן ענדע.

אַזוי, ווײַזט אויס, איז מיר באַשערט, אַזוי, אַזוי.
אַפילו ניט, ווי יענער מאַן, פֿון הר־נבו
נאָך דיר, מײַן לאַנד, מײַן בענקעניש צו שטילן.

נאָר בענקען וועל ניט אויפֿהערן נאָך דיר, מײַן לאַנד,
און גליען וועט מײַן בענקעניש ביז לעבנס ראַנד,
און גליען וועט — אויף יענער וועלט אַפילו — —

נאָך אַ פֿרילינג . . .

נאָך אַ פֿרילינג, נאָך אַ זומער — אָפּגעבליט.
נייִער אָסיען רעגנבויגנט אויף די בוימער.
גרילן זעגן זייער אַלטע, געלע ליד.
און מיט זונליכט אויסגעבלייכטן טריפֿן רוימען.

גייסט אַרום איבער אַ הוילן פֿעלדער־וועג.
ערדן ליגן אָפּגעשאָרן, נאַקעט־אָפֿן.
און, אין פֿאַרבן אויסגעצירטע, טאָלן, בערג
גרייטן זיך שוין צו דעם ווינטערס ווייסן שלאָפֿן.

שטיל און קיל. אַ ווינטל וויגט זיך אויפֿן גראָז.
אַ פּאַרשפּעקטיקט בין אַ מידע זשומעט וואָס.
און אינלופֿטן — אַזוי קלאָר — אַ בלעטער־רעגן.

גייסט אַרום מיט אַ געמיט, פֿול דין געוויין,
ווי דו וואָלסט, ווי אַלץ אַרום, אינגיך פֿאַרגיין,
ווי דו וואָלסטו וועלט מיט גאָרער זיך געזעגנט.

ווי זון פון נון

ווי זון פון נון, אין אוראַלטן אַמאָל,
וואָס האָט אין גבעון ראָד פון זון פאַרהאַלטן,
אַזוי פאַרהאַלטן וואָלט זיך דיר געוואָלט
די זעלטענע מינוטן די צעשטראַלטע,

וואָס קומען נאָך פון ערגעצווו צו דיר —
באַטרינקען דיך מיט האַרבן וויין פון שירה
און רעגן נעמט זיך אין דיין האַרץ אַ שיר,
און — אויפן גומען טוסטו אים שוין שפּירן — —

זיי קומען נאָך. אין בליצנדיקן שיין.
נאָר ווי אַ בליק, געדוויערט זייער זיין.
און ווידער שמאַכסטו, ווי אַ פּוסטער ברונעם.

אָ, ווען דו וואָלסט, אין אויפגעקוועל, געקענט,
ווי זון פון נון די זון אינמיטן ברען,
וואָס לענגער זיי אין זעל דיינער פאַרזונען.

רגעס

עס ווילט זיך ניט פאַרלאָזן אָ־די וועלט —
מיט אַלע אירע אומגליקן און ליידן;
פאַראַנען רגעס — גינגאָלדיק צעהעלט,
פאַראַנען רגעס — איידל־דינער זיידנס.

שוין צוליב זיי עס גלוסט זיך ניט פאַרגיין:
ווען טרעפסט ווען אָן אַ פרוים אַ בליק, פול כישוף,
ווען זעסט אַמאָל אַ זריחה — זעלטן שיין,
ווען לייענסט ווען אַ ליד אַ טויאיק פרישע.

און אַ דערמאָנונג — זוניק — פון אַמאָל,
אין רויש פון גאַס — אַ פריינטס אַ שטילער קול,
אויף גרוי פון שויב — אַ פרילינג־בלאַט אַ גרינער — — —

אין אָ־די רגעס ווערסטו פול מיט דאַנק
צו גאָרער וועלט און זאָגסט זיך אין געדאַנק:
אַ בעסער וועלט — ווער ווייס, צי וועסט געפינען.

אָפּטמאָל

אָפּטמאָל איז פאַר דיר געַנוג אַן אינזל הימלבלוי
אין אַ ים פון כוואַליענדיקע גרויע וואָלקנס,
אַז דיין וואָרט זאָל זיך צעפינקלען, ווי אין זון אַ טוי,
אַז דיין ליד זאָל, ווי אַ שטערן, זיך צעגאָלדן.

אָפּטמאָל איז פאַר דיר גענוג אַ מענטשנס מילדער בליק
אין געדראַנג פון רוישנדיקע האַרטע ראָגן,
אַז דיין זעל זאָל זיך צעבליען מיט דער בלום פון גליק,
אַז אַ פרייד זאָל אין דיין האַרצן זיך צעטראָגן.

אָפּטמאָל איז פאַר דיר גענוג פון לייוונט אַ געצעלט,
ברויט און וואַסער, אַ געלעגער — הוילע ברעטער,
אַז דיין זיין זאָל זיך צעזשומען, ווי אַ בין אין פעלד,
אַז דיין לעבן זאָל דיר ווערן לייכט, ווי עטער.

די טענות דיינע

די טענות דיינע, ברוגזן, פֿאַרדראָסן —
מיט יעדן טאָג אַלץ מערער אויסגעלאָשן
אין דיר זיי ווערן; און דו מאַכסט מער שלום
מיט אַ־דער וועלט — פֿאַר לעצטן שלאָף — — אָן חלום.

שוין גאָר ניט ווייט. מיט יעדן טאָג אַלץ מערער
די טוסט עס פּילן; און בּאַרוטער ווערן
פֿאַרלאַנגען שאַרפֿע, ליידנשאַפֿטן טיפֿע;
און — שטילער טראָגט זיך צו דעם ברעג דיין שיפֿל.

דו זעסט אים שוין, דעם ברעג פֿון אַלע ברעגן,
דו זעסט זי שוין, די ענד פֿון אַלע וועגן:
אַ פּלוים, אַ טויער, בּערגלאַך ערד אין שווייגן;

דורך שטענדיקייט; אין בּלענד פֿון ווייסן ווינטער,
אין זומער — העל, אין פֿרילינג אין צעגרינטן,
אין אָסיען — גרוי, מיט נאַקעט־בּרוינע צווייגן.

צו אַ יאָדלע

דערמאָנסט מיר, יאָדלע, דאָ, אין פעלד אין שטילן,
אין תשרי־טאָג אין לויטערן — פאַרקלערט
(ווען אין די גראָזן זעגן לעצטע גרילן
און ס׳חלומט שוין פון ערשטן שניי די ערד) —

אין ווייטע טעג אין תשרידיקע — שייניק,
אין אָסיען־טעג אַמאָליקע — פאַרטראַכט,
ווען אַזאַ סכך, מיט נאָדלען פול, ווי דיינער,
האָט אונזער סוכה טונקל־גרין באַדאַכט.

געלעבט עס האָבן טאַטע־מאַמע דעמאָלט,
געלעבט עס האָבן ברידער־שוועסטער דאַן;
און איך, אַ קינד, מיט אויגן — פרום צעפלעמלט —
אין חסידים־שטיבל יעדן טאָג געגאַן.

און איך, אַ קינד, אין סוכה בין געזעסן,
באַגלייך מיט אַלע — ביים געדעקטן טיש;
געזאָגט אושפיזין, פייערלאך געגעסן
די ווייסע חלה, די געפילטע פיש.

אָ, יענע טעג, די תמימותדיקע, ריינע
(מיט אתרוג־ריח דופטנדיקע דין),
ווען זיצנדיק אין סוכה אין דער קליינער,
האָב גאָט געזען דורך סכּכיקן געשפין.

אַוועק דאָס אַלץ. און ווייט פון צייט פאַרשוווּמען.
ניטאָ די היים, די סוכה מער ניטאָ.
און אָט, מיט קאָפ, מיט זילבער שוין באַשפּונען,
איך שטיי לעם דיר דאָ אינעם קלאָרן טאָג.

איך שטיי און בליק צו דיינע שווערע צווייגן
(באַהאָנגענע מיט אוירינגלאך פון טוי);
איך הער זיך איינעט אין דיין גרינעם שווייגן
(באַגילדט מיט זון, באַהילט מיט הימלבלוי).

איך שטיי און בליק, איך שטיי און הער זיך איינעט
און — אַזאַ בענקשאַפט הויבט זיך אין מיין זעל —
נאָך טעג נאָך יענע קינדערשע — צעשייניקט,
נאָך טעג נאָך יענע גלויביקע — צעהעלט.

איך וואָלט אַצינדער אַלץ פון זיך געשאָנקען
צו זען זיי ווידער, זען די סוכה — קליין;
נאָר אַלט בין איך שוין, פיל פון סוף דעם אָנקום,
און גלויבן מיינער — ער איז מער ניט ריין.

איך וואָלט אַצינדער אַלץ פון זיך געגעבן —
זען גאָט אויפסניי דורך יענעם סוכה־סכך;
נאָר ס'נויגט זיך שוין צו מערב־ראַנד מיין לעבן,
און גאָט — ווו איז ער אין מיין ערב נאַכט?

פֿאַרנאַכט

אין לאַנגע שאָטנס וועבן איין די ביימער
די שטיל־פֿאַרקלערטע טיילן טאָל און פֿעלד;
עס ווערט אַרום דיר טונקעלער, געהיימער,
און טונקל־שטילער ווערט אויך אין דיין זעל.

די זון באַראָזט פֿון בערג די העכסטע שפּיצן,
זיך זעגנדיק צום מערבדיקן ברעג;
און דו — אויך דו שוין טוסט, אַ מידער, זיצן
בײם ענדע פֿון דיין דאָרנדיקן וועג.

באַלד וועט זיך וועלט אין בלינדעניש פֿאַרהילן,
און קאַלטע שטערן וועלן זיך צעפֿינקלען
אין הימלדיקן טיף צעבלויטן תּהום;

באַלד וועסטו אויכעט איינשלאָפֿן, פֿאַרשטילן
אין פֿינצטער־קאַלטע ערדענע פֿיר ווינקלען —
פֿון אַלע דיינע ליידן אויסגעטאָן.

דיאַלאָג

בבקר תאמר, מי־יתן ערב,
ובערב תאמר, מי־יתן בקר
חומש.

— נו, ווי געווען — געשלאָפן כאָטש די נאַכט?
— אויפסניי געוואַכט, אין ווייטיקן פאַרטראָגן;
געשליידערט זיך; פון אַלץ אין וועלט געטראַכט
און — אומגעדולדיקט: זאָל שוין נעמען טאָגן.

— און ווען שוין טאָג, איז ווערט דיר לייכטער — וואָס?
— דאָס זעלביקע, ניט לייכטער אויף אַ הערל;
דו טרינקסט באַניים פון טיפן פיינען־כוס
און — גאַרן טוסטו: זאָל שוין אָוונט ווערן.

צום אָסיען

א

דו האָסט היינט, אָסיען, יעדן באַרג און טאָל
אין רעגנבויגן־פאַרבן אויסגעצויבערט,
און גאָרע ערד באַהעלט מיט זונענגאָלד,
און גאָרע וועלט באַבלויט מיט הימלען — זויבער.

אַליין אויף וועגן שפּאַן איך היינט אַרום
מיט אַ געמיט אַן אלולדיקן, פרומען
און בליק זיך צו צו ביימער — אויפגעבלומט ,
און זאַפּ זיך אָן מיט בלעטער — אויפגעבלומיקט.

אָ, אָסיען מיינער! פליס אין מיר אַריין
דיין גאָרע גרויסע, רייציקע עשירות —
איך זאָל, ווי דו, צעהעלן זיך מיט שיין,
איך זאָל, ווי דו, צעקוועלן זיך מיט שירה.

אָ, אָסיען מיינער! פלייץ אין מיר אַריין
דיין גאָרע שיינקייט פילקאָלירטע, בונטע —
מיין אייגן האַרבסט אַ פאַרביקער זאָל זיין,
מיין אייגן אָסיען זיין זאָל אַ צעזונטער.

ב

פון מיינע פריע קינדערישע יאָרן
דו טוסט מיר נאָכגיין אויף מיין יעדן שליאַך
(עס האָט אין תשרי מאַמע מיך געבאָרן —
קען זיין, דערפאַר איך פיל אויף זיך דיין מאַכט ;

און אפשר, ווייל געבאָרן בין אין ליטע,
אויף ערדן גרויע, אונטער הימלען — קאַלט);
נאָר שוין מיין אויפגיי מיט פאַרגיי געבליט האָט,
נאָר שוין אין יוגנט האָב געשפּירט זיך אַלט.

מיין לעבן איז אַ וועלקעניש געווען —
אין היים אין פרומער, אין דער פרייער פרעמד;
כסדר דאַרביק, ווי אין האַרבסט אַ גרעזל,
און אָפט — גערודפט, אויסגעלאַכט, פאַרשעמט.

עס האָבן מענטשן שלעכטס אַ סך געטאָן מיר,
מיין טרוים געפּענט, מיין מיעניש געצאַמט;
און דאָס האָט מער אין וועלקונג אָנגעטאָן מיך,
און דאָס האָט מער פאַרשפּונען מיך אין צאַנק — — —

ג

כ׳געדענק דיך, אָסיען, פון מיין פרומער היים,
פון יאָרן יונגע — פול מיט לידער פרישע;
האָב דאַן געמאָסטן לאַן און טאָל און פליין
אין טעג פון אלול — גערנער ווי אין ניסן.

האָב דאַן געמאָסטן באַרג און וואַלד און פעלד
אין טעג פון תשרי — גערנער ווי אין תמוז;
געענערט מיין אויג מיט גרעזעלעך — פאַרגעלט,
געענערט מיין זעל מיטביימער — גאָלדיק־פלאַמיק.

דו ביסט געווען מיין בעסטע צייט אין יאָר —
אַ צייט פון תפילה, חשבון און פאַרגעבן;
איך האָב געוווסט שוין: גיך פאַרגייט אַ דור,
אָט הייבט מען אָן, אָט ענדיקט זיך דאָס לעבן.

איך האָב געוווסט שוין: קורץ איז אונזער זיין,
אָט ברענט מען אויף, אָט איז אַ סוף צום פייער — — —
ביסטו געווען מיר אַ געטרייער פריינט,
ביסטו געווען אַ חבר מיר אַ טרייער — — — —

ד

דו ביסט מיר נענטער פונעם גרינעם זומער,
דו ביסט מיר נענטער פונעם ווינטער — ווייס;
מיט אַ געמיט אַ תּפֿילהדיקן, פֿרומען
אַליין אויף וועגן בלאָנקע איך באַנייס.

אַרום זיך שפּרייטן פֿעלדער אָפּגעהילטע,
אַרום זיך הויכן ביימער — געל און רויט;
אַ ווינטל בלאָזט אַ לייכטער, אַ צעשפּילטער
און — ווערטער צוויי מיין אויער ער פֿאַרטרויט:

הבל הבלים. צוויי באַקאַנטע ווערטער —
סף־הכּלדיקע, אָסיענדיקע, מיד — —
הבל הבלים. און דערביי פֿאַרקערט ער
אַ טויטן בלאַט פֿון אונטער מיינע טריט.

אַ בלאַט אַ טויטן. אָ, מיין גוטער אָסיען —
ביז הימל־זוים צעגאָלדיקט און צעשיינט!
געוואָלט וואָלט זיך מיר ווערן אויסגעלאָשן
אין אַזאַ טאָג אַ לויטערן, ווי היינט.

די פֿעלדער זאָלן גלייך, ווי היינט, זיך שפּרייטן
פֿאַרשאָרענע ביז הימלדיקן ראַנד;
די ביימער — שטיין אין געלן און אין רויטן,
דאָס גראָז — אין קילן גינגאָלדענעם צאַנק.

פֿון בלויעם רוים אַ טיפֿע רו זאָל רינען
אויף אַלץ אַרום — צעליכטיקט און צעהעלט — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
און רואיק שטיל זאָל איינדרעמלען מיין זינען,
און שלומדיק זאָל איינשלאָפֿן מיין זעל — — —

נעקראָלאָג

איז אויך גאָטליב שוין ניטאָ — אַ שאָד, אַ שאָד.
שטיל־צעקוואַליקט אָפּגעפּלאָסן איז זיין לעבן.
שווער געמיט זיך — יעדן טאָג, אַ יעדע שעה.
און פֿאַר ברעקלאך — פֿונעם בעסטן אָפּגעגעבן.

לידער האַרציק־ערלאכע — אַ גרויסע צאָל,
הונדערטער דערציילונגען — פֿיין אָנגעשריבן;
יעדן איינעם אָפּגעשאָנקען הויפֿנס גאָלד
און אַליין אַן אָרעמאַן ביז ענד געבליבן.

אַלץ געזאָרגט זיך פֿאַרן גורל פֿון דער וועלט.
מיטן פּיין פֿון יעדן מענטשן זיך געקוועלט.
און אַליין אַן עלנטער, אַ קראַנקער שטענדיק.

זאָל אים זיין אי גרינג, אי ווייך די קבר־ערד.
און ווען בלייבן וועט פֿון אים קיין שפּור ניט מער —
זאָל זיין שאַפֿן כאָטש ניט ווייסן פֿון פֿאַרלענדונג.

אינהאַלט

קינדישער באַגין

זייט

7 אריינפיר
8 אלף-בית
9 „זשיד“
10 די שכינה
11 אַ שרפה
12 ערשטע עברה
13 טויט
14 משיח
15 צום ערשטען מנין
16 ספרים
17 שפילערייען, לעגענדעס
18 ביים ניעמאַן
19 נאַטור
20 דער „בייער פּלאַן“
21 אַלטשטאָט
22 שבת
23 די קוידענאָווער
24 פסח
25 שבועות
26 תשעה באב
27 ראש השנה
28 יום כפור
29 סוכות
30 שמחת תורה
31 חנוכה
32 פורים
33 צום רבין
34 אויף אַ חתונה
35 דערוואכונג
36 איך פאַרלאָז די היים

אינדערפרעמד

39 צו עלעף יאָר
40 אַ דינער יינגל
41 ברויט מיט טיי
42 מטבעות
43 אַליין אין שול
44 אַ מתמיד
45 אַ משמר-נאַכט
46 אַ שואב מים
47 אַ משכיל
48 אַ לערער
49 געזאַנג
50 איבער אוקראַינע
51 כערסאָנער יאָרן
52 די מאָגילעוויטשעס
53 די שמולערס
54 הונגער
55 אַ טויטע גויע
56 טיפוס
57 מינסק, מאָסקווע, קאָוונע
58 איבער ליטע
59 איבער אייראָפּע
60 אין אַ נאַכט אין ווינטער
61 אַלטע, עלנטע לבנה
62 יונגע סאָסנעס
63 ליובאַוויטש
65 ביי דער מצולה
68 פון פאַסטן דיינעם
69 אָ, וויפיל שעהן
70 צו אָ-דער וועלט
71 אינדערפרעמד
73 אַ צוג האָט גערירט זיך
74 דיין היים
75 פון קלייטנוויז אָן

מיין לאַנד מיין לידערשע

79 מיט ביימער ווי
81 איך וועל מיין לעבן
82 פרילינג-נאַכט
83 אין פעלד

זייט
85 אין וואַלד
91 מיין לאַנד מיין לידערשע
92 מיך לאָקט נאָך אַלץ
93 זומער
94 די פֿרייד
95 הוידע, הוידע זיך
96 פֿאַרנאַכט אויף שטילע
זומערדיקע וועגן
97 פֿאַראַן נאָך פֿרייד, פֿאַראַן
98 איך קליינב זיי אייביקווייז
99 אַ גאַנצן טאָג
101 אורוואַלד
102 זאָג ניט, מענטש, צו

זייט
103 דורכן פֿענצטער
104 ס'רויטלען זיך שוין
105 כ'האָב ליב די לינדע אלול-
אינדערפֿריען
106 פֿאַרנאַכט אין אלולדיקן פֿעלד
107 עס ווילט זיך מיר ניט
108 יעסענין
109 איך בין ווידער
110 אָנהויב חשון
111 די לעצטע טעג פֿון אָסיען
112 גיי איך מיר
113 ווינטער-ליד

אינצווייען

117 פֿינף און צוואַנציק
136 דערמאָנונג
139 עקסקורסיע
142 דריי דערמאָנונגען
144 אַ הויך געטאָן עס האָט מיט
יענעם זומער
146 ס'נאָגט מיך היינט
147 דעריבער זאָג איך
148 פֿיר סאָנעטן צו . . .

פֿון אונזער היינט

153 עלעגיע אויף מיין חרובער
היים
159 יזכור
160 ווי העל איז היינט
162 אַז ניט מלחמות
163 די תּפֿילה פֿונעם אָרעמען גר
164 ווער דאַרף
165 ירושה
167 דער מויער
171 אַ תּפֿילה אין אלולדיקן פֿעלד
174 וואָס נאָך קען טאָז
176 עס איז ניט גוט מיר
179 צו אַ ווייטן שטערן
181 אַ נסיעה

פֿאַרנאַכט

191 צו אַן אַלטער בעריאָזע
198 וואָס נעענטער צום אויסלאָז
פֿון דיין וועג
200 אין די בערג
201 פֿיר סאָנעטן
204 אויפֿן טויט פֿון יוסף
ראָלניק
205 צו פֿופֿציק יאָר
206 ווי לאַנג נאָך
207 צו ישׂראל
208 נאָך אַ פֿרילינג . . .
209 ווי זון פֿון נון
210 רגעס
211 אָפּטמאָל
212 די טענות דיינע
213 צו אַ יאָדלע
215 פֿאַרנאַכט
216 דיאַלאָג
217 צום אָסיען
220 נעקראָלאָג

אַ האַרציקן דאַנק פאַלגנדיקע פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך:

שמואל כ. אַראַנאָף, ד. באַרער, פּ. באַרער, עטל בירבריייער, מ. בלאַד, א. בעלקין, י. בעקער, י. בערמאַן, ב. גאַלקין, ס. ד. גאַמעראָף, ז. גאַרדאַן, מאָריס גאַרדאַן, מ. גאַרעליק, ס. גוטמאַן, ה. גראַוּוער, ר. גראַסמאַן, היימאַן דעקלבוים, חנה האַלפּערן, ע. האָרוויטש, ס. האַרווי, גיטל און מאָריס וואָל, א. ווײַנטרויב, א. ווינער, ה. זאַלקינד, ק. זאַקוטאַ, יוסף זינגמאַן, מ. טויבנבלאַט, ל. טייטלבוים, ס. לאַפּיצקי, ס. לאַזאַניק, א. ליוועראַנט, ר. ליטמאַן, מאַו לעוויט, ה. מאַלטינסקי, ר. מאַליז, מ. י. מענדלסאָן, ב. נאַטור־מאַן, ה. סאַלינסקי, ה. סינגער, ס. סמיט, ק. פיש, ר. פיש, ב. קאַן, ר. קאָהן, ה. קאַסאַוואַטסקי, חוה קאַפּלאַן, מ. קופּערבערג, סערע קייזערמאַן, י. קראַמינער, ה. ראַסקיעס, מאַשאַ ראַסקיעס, ב. רובינשטיין, ג. שוואַרץ, י. שטערנטאַל, נטע שטערנטאַל, דבורה שעכטער, פּ. שעכטער, ראָוז שעכטער, ריסל שעכטער און די פריינט פון איצל קיבריק סאָסייעטי.

אַ באַזונדערן דאַנק פאַר מיטהילף צום בוך די פריינט נחום מייערסאָן און יוסף שאַפּירא.

אַ דאַנק אויך פאַר מיטהילף דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס.

נ. י. ג.

ביכער פון נ. י. גאָטליב

בלויע גנאָד (לידער) — — — — — — — — — — 1927

גאַנג (לידער און פּאָעמעס) — — — — — — — — — 1929

זעגלען אין זון (לידער) — — — — — — — — — — 1932

איבערבוי (נאָוועלע) — — — — — — — — — — 1940

נייע לידער — — — — — — — — — — — — — 1943

ליטע מיין היימלאַנד (לידער און פּאָעמעס) — — — — 1945

חלוצים (פּאָעמעס) — — — — — — — — — — — 1948

אַ מענטש אין די הימלען (לידער און פּאָעמעס) — — — 1950

דריי פּאָעמעס — — — — — — — — — — — — — 1955

מיין לאַנד מיין לידערשע — — — — — — — — — — 1958